Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען

נײער פאלקסבלאט

אומפארטײאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צײטונג

Nr. 158/1453	Łódź, Niedziela, 8 lipca 1928 r.	זעקסטער יאהרגאנג	לאדז, זונטאג, כ תמוז תרפ"ח	Nr. 158/1453

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

די פױליש=ליטװישע אונטערהאנדלונגען

זענען געבליבען שטעהן אויף א טויט׳ן פונקט.

קאװנא, 7 (אסע) 5 א זײגער נאכמיטאג איז פארגעקומען א זיצונג פון דער פויליש-ליטװישער קאמיסיע. דער פארזיצענדער פון דער פוילישער דעלעגאציע ה׳ האלובקא ערקלערט, אז די פוילישע רעגירונג קען נישט אננעהמען דעם ליטװישען פראיעקט װעגען גאראנטיע-אפמאך, װײל דער קאװנער פראיעקט נעהט אריבער די גרעניצען, װאס זענען אנגעצײכענט געװארען דורך דער פעלקער-ליגע און װײל ער קװעסטיאנירט די פוילישע גרעניצען. אלס ענטפער דערױף האט דער פארזיצענדער פון דער ליטװישער דעלעגאציע באלוטיס געענטפערט, אז די ליטװישע רעגירונג קען נישט אננעהמען דעם גאראנטיע-אפמאך פון פוילען, װײל ער פערלאנגט פון ליטע צו אנערקענען דעם טעריטאריאלען „סטאטוס קװא" פון פוילען. ה׳ האלובקא האט דאן ערקלערט, אז די פוילישע רעגירונג װעט נישט אויסארבייטען קיין נייעם פראיעקט, די ליטװישע רעגירונג קען דעריבער באגען ענדערונגען אדער צושטעלען א נייעם פראיעקט. די ליטװישע דעלעגאציע האט צוגעזאגט צו געבען אן ענטפער אויף דער מארגענדיגער זיצונג.

אמעריקאנער פינאנץ=מיניסטער אין אייראפא

ניו-יארק, 7. (א.װ.). דער אמעריקאנער פינאנץ-מיניסטער מעלאן, פאהרט דעם 12. יולי ארויס פון אמעריקא קיין אייראפא. מעלאן װעט באזוכען לאנדאן, פאריז און רוים. זיין רייזע האט דעם ציל צו ערלעדיגען א רייהע װירטשאפטליכע ענינים צװישען אמעריקא און די אייראפעאישע מלוכות.

רעכט פון דער יודישער שפראך

אדעסער שטאדט=ראט װעט פיה=רען זיין טעטיגקייט אויף יודיש.

מאסקװע. (יט"א). די בעשלוסען פון אדעסער שטאדט-ראט, װאס טראגען א עפענטליכען כאראקטער, װעלען פערעפענטליכט װערען אויך אויף יודיש. אזא פעראָרדנונג האט ארויסגעגעבען דער אויספיהר קאמיטעט פון אדעסער קרייז.

די זעלבע פעראָרדנונג זאגט, אז די װאהל-קאמפאניע אין די ראטען-זאל געפיהרט װערען נישט בלויז אויף אוקראיניש און רוסיש, נאר אויך אויף יודיש. אין די ראיאנען מיט א יודישער בע-פעלקערונג דארפען בעשטימט װערען ספעציעלע בעאמטע, װאס קענען די שפראך, אויף װעלכע עס רעדען די ברייטע מאסען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען

דער נייער דייטשער קאבינעט

האט בעקומען צוטרוי פון רייכסטאג.

בערלין, 7 (ספ. טעל.) דער רייכסטאג האט מיט א גרויסער מעהרהייט שטימען אנגענומען די ערקלעהרונג פון דער נייער רעגירונג.

דער קאנצלער מילער האט נאכמאל בעקומען א הארט און ערקלעהרט, אז די אנפיהרער פון די נאציאנאל דייטשע זענען נישט גערעכט, װען זיי װארפען פאר די נייע דייטשע רעגירונג, אז זי האט נישט גענוג בעריקזיכטיגט די מזרח-פאליטיק פון דייטשלאנד. די נייע דייטשע רעגירונג װעט אפװארפען אלע בעמיהונגען צו פערבונדען די פראגע פון עװאקואירען דעם ריין-געביט מיט אנדערע פראבלעמען.

װעגען די האנדעלס-אונטערהאנדלונגען מיט פוילען האט דער קאנצלער געזאגט, אז די קומענדיגע װאך װעט פארקומען א זיצונג פון מיניסטאָרען-קאבינעט צוזאמען מיט עקספערטען. אויף דער זיצונג װעט פעסטגעשטעלט װערען די שטעלונג פון דער נייער רעגירונג.

צום סוף פון דער זיצונג איז געקומען צו א שטורמישער אװאנטורע. דער היטלעראװיעץ שטראסער האט פארגעװארפען דעם נייעם פינאנץ-מיניסטער הילפערדינג, אז ער איז א גאליציאנער יוד. דער דעפ. שטראסער איז דערפאר אויסגע-שלאסען געװארען פון איין זיצונג און האט ביי א גרויסען טומעל געמוזט פערלאזען דעם זאל.

7,500 קילאמעטער דורך 50 שעה

דעם דרום-אטלאנטיק איבערגעפלויגן

פאריז, 6. (ספ. טעל.). די איטאליענישע לופט-פליהער פעראַרי, דעלפרעטע און מארטשעטי זענען נעכטען אנגעקומען קיין בראזיליען, אדורכ-פליהענדיג דעם דרום-אטלאנטיק. זיי האבען גע-שלאגען דעם רעקארד פון א רייזע אהן אראפלאזען זיך זיי האבען אדורכגעמאכט 7450 קילאמעטער אין 50 שעה.

דער רושם פון מיליארדער לעװענשטיין׳ס טויט.

מהומה אויף דער בערזע. — אפשר א זעלבסטמארד ? — און אפשר גאר א שפעקולאציע.

לאנדאן, 7. (ספ. טעל.) דער געהיימ-ניספולער טויט פון באנקיר לעװענשטיין, װעלכער איז ארויסגעפאלען פון זיין עראפלאן אין לא-מאנש-קאנאל, האט ארויסגערופען א געװאלדיגע דענערװירונג אויף דער לאנדאנער בערזע. לעװענ-שטיין׳ס אקציעס אין לאנדאן בעטרעפען 300 מי-ליאן פונט שטערלינג. צוליב דעם פאלען פון די דאזיגע אקציעס האט דער לעװענשטיין-קאנצערן היזק געהאט 150 מיליאן פונט שטערלינג.

אין לאנדאנער קרייזען גלויבט מען נישט, אז לעװענשטיין האט געזאלט פאלען אלס קרבן פון א מארד אדער האט געזאלט בעגעהן זעלבסט-מארד. מ׳האלט, אז לעװענשטיין האט צוליב שפע-קולאציע-צװעקען ספעציעל געלאזען א קלאנג װע-גען זיין טויט. אלס בעװייז דערצו װייזט מען אן, אז ס׳איז פשוט א פיזישע אונמעגליכקייט, אז לע-װענשטיין זאל האבען געעפענט די טיר צום ארויס-גאנג פון עראפלאן.

װאלאריזאציע=אפמאך

צװישען פוילען און דייטשלאנד.

בערלין, 7. (ספ. טעל.). נעכטען איז אין בערלין אונטערגעשריבען געװארען דער װאלארי-זאציע-אפמאך צװישען פוילען און דייטשלאנד.

12 עראפלאנען פליהען פון איטאליען קיין בערלין

5 פון זיי זענען הינטערװעגס אװעקגעקומען.

לאנדאן, 7 (ספ. טעל.) 12 איטאליענישע עראפלאנען, אונטער דער אנפיהרונג פון װיצע-מיניסטער באלבא, זענען נעכטען 7 אינדערפריה ארויסגעפלויגען קיין בערלין. אויפ׳ן װעג האט די לופט-עסקאדרע אנגעטראפען אויף א שטורם, װעל-כער האט געצװאונגען 5 עראפלאנען זיך אראפ-צולאזען הינטער אמסטערדאם. דער זעקסטער עראפלאן האט זיך אראפגעלאזען אויף צפון פון אמסטערדאם, דער זיבענטער אפאראט אויף דער פראנצויזישער טעריטאריע. װעגען די 5 איבריגע עראפלאנען איז נישט פערהאן קיין שום ידיעה.

א „בית-דין הגדול" אין אמעריקא

ניו-יארק (י.ט.א.) די רבנים קאנפערענץ װאס איז אפגעהאלטען געװארען אין דער שטאט מאונט פרידאס, צונויפגערופען לויט דער איניציא-טיװ פון די ארטאדאקסישע רבנים פערבאנדען „דגל הרבנים" און „כנסת הרבנית", האט אנגענו-מען א רעזאלוציע, אין װעלכער עס װערט אויס-געדריקט צו גרינדען א „בית דין הגדול", װעלכער זאל זיין די העכסטע רעליגיעזע אינסטאנץ פאר די אמעריקאנער יודען.

לונדבערג אפגעראטעװעט.

מעגליכקייט אפצוראטעװען די איבריגע עקספעדיציע-מיטגלידער

פון אמונדסענען קיין שום ידיעות.

שטאקהאלם, 7 (ספ. טעל) דער שװעדי-שער לופט-פליהער לונדבערג, װעלכער האט אפ-געראטעװעט דעם גענעראל נאבילע, און איז אליין געבליבען אויפ׳ן אייזבארג, צוליב דעם װאס זיין עראפלאן איז קאליע געװארען ביים ראטעװען די איבריגע מיטגלידער פון דער עקספעדיציע — איז איצט אפגעראטעװעט געװארען דורכ׳ן שװעדישען לופט-פליהער שוברג, לונדבערג געפינט זיך שוין איצט אויף דער שיף „קװעסט" פון װאנען ער האט טעלעגראפירט צו זיין פרוי, אז ער איז פולשטענדיג געזונד, װאהרשיינליך װעט זיך איצט איינגעבען אויך אפצוראטעװען די איבריגע מיטגלידער פון דער עקספעדיציע.

רוים, 7 (ספ. טעל.) די שװעדישע לופט-פלי-הער האבען נעכטען אראפגעװארפען לעבענסמיטעל די פערבליבענע מיטגלידער אויף די אייז-קריעס.

קינגסבײ, 7 (ספ. טעל.) פון אמונדסענען זענען אלץ װייטער נישט פערהאן קיין שום ידיעות.

די יאכט-שיף „אלביאן" האט געזאלט בע-קומען ראדיא-סיגנאלען, אז אמונדסען, גילבא און ריטריכסאן זענען אפגעראטעװעט געװארען דורך א פישער שיפעל.

באלד נאכ׳ן בעקומען די דאזיגע ידיעה, איז אויפ׳ן אנגעװיזענעם ארט ארויסגעפלויגען דער אי-טאליענישער עראפלאן „מארינא". די רייזע האט אבער קיין שום פאזיטיװע רעזולטאטען נישט גע-בראכט.

מאסקװא, 7 (א.װ.) דער סאװיעטישער לופט פליהער באבושקין, װעלכער איז געװען אויף א רייזע צו זוכען די פערפאלענע פון נאבילעס עקס-פעדיציע, און האט אין פערלויף פון 5 טעג נישט געגעבען קיין שום ידיעה פון זיך, איז היינט צו ריקגעקומען אויפ׳ן אייזברעכער „מאליגין". באַ-בושקין האט געקעמפט מיט א גרויסען שטורם-װינד.

אכטונג, לעטניקעס!

מייז װאורשטען=געשעפט

צענטראלע: זגערזשער 32

פיליע: באלוטער מארק 3

איז פערזעהען מיט די בעסטע װאורשטען צו די ביליגסטע פרייזען.

מיט אכטונג ל. אמזעל

װאורשט=פאבריק

Gimnazjum Męskie

z prawami gimnazjów państwowych

L. SZAKINA

w Łodzi, Piotrkowska 18,

די קאנצעלאריע פון גימנאזיום איז אפען יעדען מאנטאג און דאנערשטאג פון 10 ביז 12.

היינט, זונטאג, דעם 8-טען יולי, 4 א זייגער נאכמיטאג, װעט אין זקנים=הויז, פאמארסקא 54, שוין אין צװייטען טערמין, פארקומען די

יעהרליכע אלגעמיינע

פערזאמלונג

פון דער חברה „מחסה לזקנים", צו װעלכע עס לאדעט איין אלע ג׳ מיטגלידער און סימפאטיקער פון דער אינסטיטוציע.

די פערװאלטונג.

בעקער=מייסטער=סעקציע

װסכאדניא 57.

היינט, זונטאג, 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר

א פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) בעריכט װעגען פעראייניגונג; 2) קאסע-בעריכט; 3) פאך-פראגען.

די פערװאלטונג.

די ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע

וועלכע ווערען געפּלאַנט דורכ'ן רעגירונגס-בלאָק.

וואַרשא, 7. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) פרייטאָג איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַר-זיצונג פון די דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען פון רעגירונגס-בלאָק. פון דער אַלגעמיינער צאָהל 190 מיטגלידער זענען צו דער זיצונג געקומען נאָר 90.

דער פּרעזעס פון קלוב דעפּ. סלאַוועק האָט געהאַלטען אַ גרויסע רעדע, וועלכע האָט אויסגעפילט די גאַנצע זיצונג. פון דער רעדע ווייזט זיך אַרויס, אַז די טעטיגקייט פון די דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען פון „איינסער", בעת די פעריען דאַרף בעשטעהען אין צוגרייטען די צענטראַלע מיינונג צו די ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס דאַרף פאָרקומען אין הערבסט. דער רעדנער האָט אָנגעוויזען, אַז אין דער דערמאָנטער פראַגע קען דער רעגירונגס-בלאָק נישט רעכנען אויף דער אונטערשטיצונג פון די לינקע נאָר גיכער פון די רעכטע. די לעצטע רעזאָלוציע פון פ.פ.ס. מאַכט בכלל אונמעגליך די פערשטענדיגונג פון רעגירונגס-בלאָק מיט די פ.פ.ס.

לויט דער רעדע פון פּולק. סלאַוועק וועט די קאָנסטיטוציע געענדערט ווערען אויף דעם אופן, אַז עס וועט פערשטאַרקט ווערען די מאַכט פון פּרעזידענט און די אויספיהרונג-מאַכט וועט אומאָפּהענגיג געמאַכט ווערען פון דער געזעצגעבערישער מאַכט. דער רעדנער האָט זיך אָבער נישט אַרויסגעזאָגט געגען פּאַרלאַמענט. קיין שום דיסקוסיע איז נאָך דער רעדע פון פּולקאָווניק סלאַוועק נישט פאָרגעקומען.

11 טויט-אורטיילען

34 פער'משפּט'ע פון 1 ביז 10 יאָהר טורמע.

אורטייל אין דאָנער סאַבאָטאַזש-פּראָצעס.

מאָסקווע, 7. (ספּ. טעל.). נאָך אַ בעראַטונג פון 52 שעה האָט דער העכסטער טריבונאַל אַרויסגעטראָגען אַן'אורטייל אין פּראָצעס וועגען דער סאַבאָטאַזש אַקציע אין דאָנער געביט.

דער טריבונאַל האָט אַנערקענט פאַר פעסטגעשטעלט, די עקזיסטענץ פון אַ קאָנטרעוואָלוציאָנערע דעסטרוקציע-אַקציע מיט צענטרען אין כאַרקאָוו און מאָסקווע, די אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען אין בעציהונגען מיט די געוועזענע אינהאַבער פון די גרובען, וועלכע וואוינען אין אויסלאַנד און אויך מיט אויסלענדישע אָפיציעלע אינסטיטוציעס.

פון 23 בעשולדיגטע זענען פאָלגענדע 11 פערזאָן פער'משפּט געוואָרען צום טויט: גאָרלעצקי, באַיאַרינאָוו, קושיושאַנאָווסקי, יוסעוויטש, בודני, מאַטאָוו, בראַטאַנאָווסקי, גערזאָווסקי, באַיאַרטשינאָוו, קאַזאַרינאָוו און שאַדלין. בנוגע די לעצטע 6 האָט דער טריבונאַל בעשלאָסען, צוליב זייער חרטה און די הויכע טעכנישע קוואַליפיקאַציעס, זיך צו ווענדען צום צענטראַלען אויספיהרונגס קאָמיטעט זיי צו מילדערען די שטראָף. 34 בעשולדיגטע זענען פער'משפּט געוואָרען צו טורמע פון 1 ביז 10 יאָהר, 4 בעשטראָפטע איז דאָס אויספיהרען פון דער שטראָף אָפּגעלעגט געוואָרען, 4 זענען פרייגעשפּראָכען געוואָרען.

דעם אָנפאַל אויף דער לעמבערגער פּאָסט.

זאָלען האָבען אויסגעפיהרט אוקראַאינער טעראָריסטען.

לעמבערג, 7 (א. וו.) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז פאָריגען מיטוואָך פאָרגעקומען אַ נישט-געלונגענער איבערפאַל אויף דער לעמבערגער פּאָסט קאַסע, איצט זענען אַרעסטירט געוואָרען 5 מאַן, וועלכע האָבען דעם אָנפאַל אויסגעפיהרט. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז זיי געהערען צו דער אוקראַאינישער געהיימער טעראָריסטישער מיליטער-אָרגאַניזאַציע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגען אַרעסט איז אין קרייז-געריכט היינט פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די ריכטער אונטער'ן פאָרזיץ פון עלטסטען פּראָקוראָר מיט'ן אַנטייל פון פּאָליציי-קאָמיסאַרען, וועגען די מיטלען, וואָס דאַרפען אָנגענומען ווערען, כדי צו ליקווידירען די טעראָר-אָרגאַניזאַציעס אין מזרח גאַליציען.

ס'איז מעגליך, אַז די אָנפאַלער אויף דער פּאָסט זאָלען געשטעלט ווערען פאַר אַ שנעל-געריכט.

די רייזע פון מאַרשאַל פּילסודסקי קיין רומעניען.

וואַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש). דער מאַרשאַל פּילסודסקי וועט אַרויספאָהרען קיין רומעניען זונטאָג אָדער מאָנטאָג. דער מאַרשאַל וועט וואוינען אין דעם אַלטערטימליכען קלויסטער ציל, וועלכער געהער איצט צום דעפּוטאַט פון רומענישען פּאַרלאַמענט, ד"ר סקופּיעווסקי.

די רייזע וועט פאָרקומען מיט דער באַהן און אויטאָ. אין בוקאַרעשט וועט מאַרשאַל פּילסודסקי זיין אויף זיין צוריק-רייזע. מיט'ן מאַרשאַל וועלען מיטפאָהרען ד"ר וואָיטשינסקי, פּולק. בעק און איינער פון די אַדיוטאַנטען.

קיין וואַרשאַ וועט דער מאַרשאַל צוריקקומען דעם 4. סעפּטעמבער און דעם 12. סעפּטעמבער וועט ער זיין אין ווילנאָ אויפ'ן לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר.

אויף דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר וועט דער מאַרשאַל האַלטען אַ גרויסע רעדע וועגען די געפּלאַנטע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע.

מעמאָריאַל צו מ. גאָרקי'ן

וועגען רדיפות אויף העברעאיסטען.

מאָסקווע, 7 (י.ט.א, טעלעגראַפיש). ווי י.ט.א. ווערט געוואויר. האָט די אונלעגאַלע קאָנפערענץ פון די תרבות-טוער אין סאָוויעט-רוסלאַנד איבערגעגעבען מאַקסים גאָרקי'ן, וועלכער ווילט איצט אין רוסלאַנד, אַ מעמאָריאַל וועגען די פערפאָלגונגען געגען די העברעאיסטען. מאַקסים גאָרקי ווערט געבעטען צו אינטערווענירען ביי דער סאָוויעטען-מאַכט, אַז די פערפאָלגונגען זאָלען אָפּגעשטעלט ווערען.

פערברענט געוואָרען 250 מאָרגעס וואַלד.

לובלין, 7. (ספּ. טעל.). אין מיידאַן, סאָמאַשאָווער (לובעלסקי) פּאָוויאַט איז אויסגעבראָכען אַ גרויסע שרפה אין די וועלדער, וועלכע געהערען צום גראַף זאַמאָיסקי. עס זענען פערברענט געוואָרען 250 מאָרגעס לאַנד.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, Tel. 26-02.

אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען-און האַרץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען- און קינסטליכע זונען-זון. נעמט אָן אין דער לעטשניצע זגעזשער 17 פון 6—7. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

העלענאָוו — העלענאָוו

זונטאָג, דעם 22-טען יולי

זומער-פּרעסע-רעדוטע

אָלימפּישע שפּילען. גרויסע פאַנטאַזיע לאָטעריע. יום-טוב פון ליד. אויטאָ-ראַקעט. אויטאָ-בלומען-קאַרסאָ. הומאָריסטישער מעטש פון דיקע מיט מאָגערע, קינדער-פּערוויילונג, בלומען-קאַמף אויף גאָנדאָלען, באַלעט-דיווערטיסמענט, 3 אָרקעסטערס

בעקאַנטמאַכונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די מחלוקת וואָס זענען פאָרגעקומען צווישען די מתפּללים אין שטיבל פּיעטריקאָווער 197, מאַכען מיר בעקאַנט, אַז מיט דער ערלויבניש פון דער סטאַראָסטווא גראָדזקיע וועט פאָרקומען דינסטאָג אי"ה פ' מטו"מ ד. 10/7 5 נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון שטיבל פּיעטרקאָווער 197

אַ פערזאַמלונג

פון די מתפּללים בכדי אויסצואויעהלען אַ פּרעזעס (גבאי)

וואַהל רעכט האָבען די מתפּללים וואָס זענען געוועזען פערצייכענט אין די ביזיעצטיגע ערלויבנישען

אין נאָמען פון די מתפּללים

מרדכי צעלמייסטער, ראובן איזביצקי, ל. פאַנסקי.

וויכטיג פאַר סוחרים פון לאָדז און אומגעגענד!

שטרימה

אין הויט

זיידענפלאַר-קאַטאַן און באַמבערגער וואַש-זייד-קאַטאַן 2-טער סאָרט איז צו בעקומען צו פאַבריק, פּרייזען ביי שוואַרצבערג גדאַנסקאַ 11, הויף, פּאַרטער.

אשרי אדם שומע לי!

לשקד על דלתותי יום-יום כי הולך בתום ילך בטח

און אַז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאַנדאַוועס זאַכען, זאָלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביוראָ

17 פּעטריקאָווער 17

דורכגאַנג זאַכאַדניאַ 52, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאַפט געשריבען לויט'ן אויסטאָוו אַלערליי בּיטעם קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט א' פּוילען, אַפּעלאַציעס ציווילע און קאַרנע אָפּאָזיציעס, אַדוואָקאַגיעס, רעקורסען וועגען דירה אין אוזשאַנדראָזשיעמסקי, וועגען פעסער אין קאָמיסאַריאַט-ראַשאַנדז און אַלע פּאָליציי-בעצירקען, אַקטען אינטערציזיעס, זאַקטען דאַראָוויזנעס, קאַרנע ספּראַוועס. זיי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. ספּעציאַליסט פון שותפות-אַקטען

מיט אַכטונג י. מאַנעלאַ,

רעכטס-קאָנסולטאַנט.

נור 1 רעקלאַמע-חודש!

איך מאַך דערמיט בעקאַנט דאָס געעהרטע פּובליקום, אַז נאָך אַ גרינדליכען רעמאָנט, האָב איך ביי מיין קינסטלעריש-פאָטאָגראַפישען אַטעליער ערעפענט

אַ ספּעציעלען פּאָרטרעטען-אַנשטאַלט,

וואו עס ווערען אויסגעפערטיגט די שענסטע פּאָרטרעטען לויט דער נייעסטער פאָטאָ-טעכניק צו שטוינענד ביליגע פּרייזען:

אַ פּאָרטרעט 40 X 30 מיט פּאַספּאַרטו און ראַהם נור 13.50 זל.

" 50 X 40 " " " " 20.— "

די אויפנאַהמען צו פּאָרטרעטען ווערען געמאַכט גענצליך אומזיסט.

נוצט אויס די געלעגענהייט! מיט אַכטונג

קונסט-פאָטאָגראַפישער און פּאָרטרעטען-אַטעליער

„PARISIEN" wł. H. Sroka

Łódź, Brzezińska 69. צופאָהר מיט'ן טראַמוואַי נומ' 1.

פּאַרלאַפּאַנעס

פאַר רייזע

95 זל. 105 זל. 115 זל.

פּאַרלאַפּאַנען קאָסטעל

210 זל. 185 זל. 165 זל.

אויף גינסטיגע בעדינגונגען

שלאַגערן! פּליטעס צו טענץ אין אַ גרויסען אויסוואַהל

נאָר ביי

ALFRED LESSIG, Nawrot 22

וויכטיג פאַר ה"ה פריזערס!!!

צוליב די קאָנקורענץ, ווערען די פּרייזען מיט'ן היינטיגען טאָג בעדייטענד פערקלענערט:

קעלנישע בלומען-וואַסער 3.20 אַ קילאָ

וועזשעטאַל 1.40 "

ראַזיר-זייף „אָראַ" 6.00 "

בריליאַנטין 3.40 "

פראַנצויזישער לאַקיר 45 גר. אַ דעקאַ.

איך בעזיץ אַ רייכען אויסוואַהל פון ראַזיר-מעסערס, פּלאַטין- און שטאָהל-זאַכען צו פאַבריקס-פּרייזען. מיט אַכטונג

י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11.

בעמ.: פאַר ענגראָסיסטען — געהעריגער ראַבאַט און גינסטיגע בעדינגונגען.

לאָדז. 7 יולי 1928

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 7 יולי 1928

אהז אַ תירוץ

קאָן מען זיך נישט בעגעהן.

אין מינסקער „אָקטיאַבר" געפינען מיר אַ מאמר וועגען אַנטיסעמיטיזם און יודישען שאָוויניזם:

„ווען מיר רעדען וועגען אַנטיסעמיטיזם, פערשטייען מיר אונטער דעם אויסדרוק, קאָנקרעטע פאַקטען, גענומענע פון לעבען, וועלכע האָבען געהאַט אָנ'אָרט אין אַ בעשטימטער צייט. גלאַט אין דער וועלט אַריין, וואָלט מען די פראַגע נישט אויפגעהויבען.

די פילצאָהליגע פאַקטען פון אַנטיסעמיטיזם, מיט וועלכע עס זענען פול די פרעסע־אָרגאַנען, צווינגען אונז אין דעם אַרטיקעל אָפּשטעלען זיך אויף אַ צווייטער, דורכאויס נעגאַטיווער דערשיינונג מצד איינצעלנע אָפּגעשטאַנענע יודישע אַרבייטער און אפילו טוער, וואָס פערלירען שוין אינגאַנצען דעם צוטרוי צו דעם נישט־יודישען אַרבייטער־טוער, מען פאַלט אַריין אין אַ פּאַניק, פון אַ פליג מאַכט מען אַ העלפאַנט, מיט איין שער שנייערט מען אַלעמען, איינצעלנע פאַקטען פעראַלגעמיינערט מען. אָט דאָ טוט מען זאָגען: פאָרזיכטיג! מיר וועלען נישט דערלויבען אָנקלעבען דעם שענדליכען צונאָמען „אַנטיסעמיט" אַ חבר, וואָס איז אַזוי ווייט פון אַנטיסעמיטיזם ווי, דער ערדקוגל פון מאַרס. מיר וועלען צוגלייך מיט'ן אַנטיסעמיטיזם אויך בעקעמפען דעם יודישען שאָוויניזם צווישען די אַרבייטענדיגע.

שטעלט אייך פאָר אַזאַ לאַגע: אין אַ געוויסען אָרגאַן רעדוצירט מען אַנ'אַנט. דעם פּאָסטען פערנעמט גראָד אַ יוד. דער אַמט איז געווען אַנ'איבעריגער. דער אָנפיהרער פונ'ם אָרגאַן איז דורכאויס אַנ'איבערגעגעבענער חבר, ווייט פון וועלכע עס איז נאַציאָנאַליסטישע פעראורטיילען.

פאָהרט אַרויס אַ יודישער חבר צו דעם ווייסרוסישען חבר מיט אַזאַ „שפּראַך": „פאַרוואָס פערקירצט איהר דעם יוד און נישט דעם ווייסרוס"? דער ראָוינער ווייסרוסישער חבר האָט פון אַזאַ אומפעראַנטוואָרטליכען אַרויסטריט פון אַ אומפעראַנטוואָרטליכען יודישען חבר — געקראָגען אַ אַטעסטאַט פון אַ.. אַנטיסעמיט. אָדער ווי זאָל מען רעאַגירען אויף אַזעלכע פאַקטען:

די קאַסע פון געגענזייטיגער הילף אויף אַ פאַבריק אין מינסק האָט אַרויסגעגעבען אַ יודישען אַרבייטער אַנ'הלואה, די רשימה איז נאָך נישט געווען אונטערגעשריבען פון פאָרזיצער. דער קאַסיר (אַ פּוילישער אַרבייטער) האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבען דאָס געלד, ביז דער פאָרזיצער וועט זיך נישט אונטערשרייבען אויף דער רשימה. עפּעס אויף אַ מויל דער יודישער אַרבייטער אויף זיין חבר דעם פּוילישען:

אַנטיסעמיט! נישט דאָ איז היין אָרט — אין פּוילען פאָהר!..

אַ סעקרעטאַר פון אַ פאַרטיי־קעמערל אַ ווייסרוס מאַכט עפּעס אויפמערקזאַם אַנ'אומפּאַרטייאישען אַרבייטער (אַגב אַזעלכען וועלכער קלויבט זיך אַריינטרעטען אין פּאַרטיי) איבער אַ געוויסער פראַגע. דער אַרבייטער אַ יוד גייט אַוועק און רופט זיך אָפּ.

— אַ שוואַרצער בלייבט אַ שוואַרצער.

אומבעגרינדעט, אומפעראַנטוואָרטליך געוואָרען פען אַ שרעקליכע בעשולדיגונג אַ חבר! אויב איינצעלנע יודישע אַרבייטער און איינצעלנע יודישע טוער וועלען „זעהען" אין איטליכען נישט־יודישען אַרבייטער און נישט־יודישען טוער אַנ'אַנטיסעמיט, מוזען מיר זאָגען די חברים: אַנטיסעמיטיזם און יודישער שאָוויניזם איז איין און דיזעלבע מכה. געגען ביידע שענדליכע דערשיינונגען וועלען מיר קעמפען.

מיר וועלען דאָ נאָך ברענגען אַ דיאַלאָג צווישען אַ יודישען און ווייסרוסישען אַרבייטער ערב דעם יודישען פסח. דער יודישער אַרבייטער „חב מה'ט" זיך, דער ווייסרוסישער אַרבייטער נעמט עס אָן פאַר ערנסט.

דעם דיאַלאָג הויבט אָן דער יודישער אַרבייטער.

— די יודען דאַרפען קריסטליך בלוט אויף מצה.

— ? ?

— כ'וועל דיך שעכטען און דיין בלוט בענוצען אויף מצה.

— ווען עס זאָל זיין אַנ'אַנדער צייט... וואָלט איך זיך מיט דיר שוין אָפּגערעכענט.

אַ וואונק אויף די צאַרישע צייטן מיט די פּאָגראָמען.

מיר ברענגען דעם דיאַלאָג אַלס אילוסטראַציע, ווי אַזוי אַ אידיאָטישער „וויץ" קען אַרויסרופען רייבונגען.

יעדע אַרויסטרעטונג, וועלכע האָט דעם ציל צו זייען אומצוטרוי צווישען די אַרבייטענדיגע — מוז אַרויסגעריסען ווערען מיט'ן וואָרצעל".

נערעכט, וואָס גערעכט היסט!

דער תירוץ מיט'ן שאָוויניזם פערענטפערט אָבער נישט דעם כסדר וואַקסענדען אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַ צורודערונג אין דער רוסישער סאָוועטישער פרעסע.

דער מינסקער יודישער „אָקטיאַבר" וויל אָבער קיין „מינסקער" נישט זיין, און ער טרייסט זיך מיט אַ חלשות־תירוץ, וואָס איז אַ תירוץ פאַר דער באָבען...

אוודאי זענען מיר, יודען שולדיג אין אַנטיסעמיטיזם, וויל אַז סעמיטען וואָלטען נישט געווען, וואָלטען דאָן נישט געווען קיין אַנטיסעמיטען.

און אַז מ'איז קאָנסעקווענט קאָן מען מוסיף זיין:

— אַז ס'וואָלטען נישט געווען קיין טפשים, וואָלטען נישט געווען קיין אַנטי־טפשים...

דער פיהרער, וואָס האָט נישט פערלוירען דעם מוט.

צום 24־טען יאָהר־צייט פון דר. טעאָדאָר הערצעל.

זאָל איך אייך דערצעהלען, ליבע יודען, איבער הערצל'ס לעבען און איבער דעם, וואָס ער האָט אויפגעטון אין די נייך יאָהר פון זיין נאַציאָנאַלער אַרבייט?

עס איז איבריג. איהר ווייסט מן הסתם איבער הערצל נישט ווייניגער פון מיר. הונדערטער גרויסע שרייבערס האָבען שוין געשריבען איבער דעם גרויסען פיהרער און דאָס שענסטע בוך איבער הערצל — זענען די דריי בענדער פון זיינע אייגענע מאָנומענטאַלע טאָגע ביכער. אויב איהר האָט ביז היינט נישט געפיהלט דאָס מעדערפעניש די דאָזיגע דריי בענדער צו לייענען איז שווער מען זאָל מיט אייך רעדען וועגען הערצל. אויב איהר האָט די דריי בענדער געלייענט— האָט אייך קיין שום מענש אויף דער וועלט נישט די מעגליכקייט צו זאָגען עפּיס נייעס איבער הערצל.

זאָל איך פרובען מיט מיינע אָרימע קינסטלערישע מיטלען אויפצומאָלען פאַר אייך דאָס ליכטיגע בילד פונ'ם אונשטערבליכען פיהרער?

איך האַלט אַזאַ פרוב נישט נאָר עאָר שווער און כמעט נישט דורכפיהרבאַר, איך האַלט זי אויך פאַר איבריג. איך פיהל עס, אָבער איך בין נישט זיכער, אויב עס וועט מיר געלונגען אייך עס מסביר צו זיין.

דער חלוק צווישען דעם אַזוי גערופענעם קינסטלער און דעם געוועהנליכען מענש איז נאָר דער, וואָס דער קינסטלער קען שאַפען געשטאַלטען, וואָס זאָלען ווירקען אויך אויף אַנדערע, און דער געוועהנליכער מענש שאַפט נאָר פאַר זיך אַליין. אָבער פאַר זיך אַליין איז יעדער מענש אַ קינסטלער.

אדרבה, צי קען דער גרעסטער מייסטער אויף דער וועלט שאַפען אַ בילד פון אייער טאַטען אָדער פון אייער מאַמען, וואָס זאָל אַזוי טיף רעדען צו אייער נשמה, ווי דאָס בילד פון אייערע עלטערען, וואָס איהר האָט זיך אַליין געשאַפען?

והוא הדין מיט דעם בילד פון הערצל, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אין דער נשמה פון יעדען יוד. איהר טראָגט דאָס בילד אין זיך און עס איז לכתחילה נישט מעגליך, איך זאָל געפינען אַזעלכע פאַרבען, ווי איהר האָט זיי אַליין פאַר זיך געפונען, כדי דאָס בילד זיך אויסצומאָלען; עס איז נישט מעגליך, איך זאָל געפונען אַזאַ לשון, וואָס זאָל צו אייך אַזוי קלאָר רעדען, ווי הערצל'ס געשטאַלט אַליין רעדט צו אייער נשמה—אָהן ווערטער.

נישט וועגען הערצל'ען וויל איך דאָס מאָל מיט אייך רעדען, נאָר איבער זיין יאָהרצייט. איבער דעם יאָהרצייט אַליין פאַר זיך.

אַ סך שעהנע בעגריפען האָט זיך דאָס יודענטום געשאַפען איבער דעם לעבען. אָבער נאָך שענערע — איבער דעם טויט. די טיפע אידעע, וואָס שטעקט אין אונזער טויטענגעבעט „יתגדל", אין וועלכען דער טויט ווערט מיט קיין איינציג וואָרט נישט דערמאָהנט, איז שוין פון אַ סך קינסטלערס און רעדנערס אויסגענוצט געוואָרען. נישט ווייניגער טיף איז די אידעע, וואָס שטעקט אין דעם מנהג, אַז יאָהרצייטען פון גדולים ווערען ביי אונז געפייערט אַלס ימים טובים, נישט אַלס טרויער־טעג.

אין דעם דאָזיגען מנהג בעווייזט זיך דער נצחון פונ'ם סאָציאַלען לעבען איבער דעם אינדיווידועלען טויט. כדי דעם מנהג בשלמות מקיים צו זיין, מוז זיך דאָס פאָלק דערהויבען ביז צו דער העכסטער הויך פון פילאָזאָפישען סטאָאיציזם און פון נאַציאָנאַלען זעלבסטבעוואוסטזיין.

צום 24־טען מאָל פייערען מיר איצט דעם יאָהרצייט פון הערצלען. די אַלע 24 יאָהרצייטען שטעהען לעבעדיג פאַר אונז, 24 גרעניק־טעג אין דער לעצטיעהריגער געשיכטע פון אונזער פאָלק.

נישט אויף אַמאָל האָבען מיר דערגרייכט די נויטיגע מדרגה פון פילאָזאָפישען סטאָאיציזם און פון נאַציאָנאַלער זעלבסטזיכערהייט, כדי צו בעגעהן די דאָזיגע טעג אַלס ימים טובים. די ערשטע יאָהרצייטען זענען פאַר אונז געווען נישט נאָר טרויער־טעג, עס זענען געווען בפירוש פערצווייפלונגס־טעג, טעג פון פינסטערען יאוש. דאָס יודישע פאָלק האָט הויך געוויינט איבער הערצל'ס טויט; אין שטילען האָט עס בעוויינט זיין גרויס ווערק, פון וועלכען עס האָט זיך מאַנכמאָל געדאַכט, אַז עס איז צוזאַמען מיט איהם אַראָבגענידערט אין פינסטערען קבר.

און דאָס טרויעריגסטע ביי דעם אַלעמען איז געווען, וואָס דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק האָט געוויינט, האָט ער, ד ע ר פ י ה ר ע ר, געפעהלט. וואָרום, דעם אמת געזאָגט, זענען אויך ביי זיין לעבען פאָרגעקומען אין אונזער נאַציאָנאַלען לעבען טרויריגע מאָמענטען, אָבער דעמאָלט איז ער געשטאַנען פאַר אונז, דער פיהרער און דער טרייסטער.

כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגענדער עפּיזאָד פון הערצל'ס לעבען:

הערצל האָט זיך זעהר אַ סך צוגעזאָגט פון דער הילף מצד'ן דייטשען קייזער ווילהעלם. מיט שווערער מיה, נאָך אַ סך צעקלאַפּען זיך די פיס אויף די שטייניגע וועגען פון דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונגען, האָט ער זיך צוגעשלאָגען צו דער אוידיענץ, אויף וועלכער ווילהעלם האָט איהם אויסגעהערט. דאָס איז געווען דעם 2. נאָוועמבער 1898 (צום טאָג גענוי – ניינצעהן יאָהר פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע!), פאַר די טויערן פון ירושלים. אָבער די מעכטיגע געגנער'ס האָבען געפונען אַ שנעלערען וועג צו ווילהעלם'ס האַרץ. די אויפנאַהמע איז געווען אַ קאַלטע. הערצל האָט אויפ'ן אָרט געפיהלט, אַז די ד אָ ז י ג ע קאָרט האָט ער פערשפּילט. ער האָט פון דעם נישט געמאַכט קיין סוד, נישט פאַר זיך און נישט פאַר זיינע בעגלייטער'ס. דעמאָלט האָט ער צו זיי אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער:

„זעהט איהר – דערפאַר בין איך אַ פיהרער. נישט ווייל איך בין קליגער פון אייך אָדער בעסער פון אייך. נאָר ווייל איך פערליר נישט דעם מוט. אין שווערערע מאָמענטען, ווי דער היינטיגער, האָט מיך דער מוט נישט פערלאָזט. פערקעהרט, איך האָב נאָך מעהר מיינע כחות מקריב געווען".

דער ד אָ ז י ג ע ר הערצל האָט אונז בעיקר געפעהלט: דער פיהרער, וואָס פערשפּילט שלאַכטען און פערלירט קיינמאָל נישט דעם מוט, וואָרום שלאַכטען קען מען אַמאָל, אין פאַסיגע תנאים, געווינען אויך אָהן אַ פיהרער, און שלאַכטען פערשפּילען קען אויך אַ נאַפּאָלעאָן.

———

אין די 24 רעוויע־טעג פונ'ם ציוניסטישען לעבען – וואָרום כ' תמוז איז געוואָרען דער ציוניסטישער „יום־הדין" – האָבען מיר געזעהען אויף אונזער שלאַכט־פעלד פערשידענע בילדער: עטליכע גרויסע נצחונות און אויך נישט ווייניג טרויעריגע מפּלות. מיר האָבען זיך אפשר צופיל געפרעהט מיט די נצחונות, יעדענפאַלס האָבען מיר צופיל פערצווייפעלטע איבער די מפּלות.

אַצינד האַלטען מיר אַזוי ווייט, אַז הערצל'ס יאָהרצייט איז ביי אונז באמת געוואָרען אַ יום־טוב. אין דעם דאָזיגען טאָג שטעהט פאַר אונז אויף דאָס בילד פון דעם גרויסען פיהרער; פון דעם, וואָס איז אפשר נישט געווען קליגער און אפשר נישט בעסער פון אונז – נאָר וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פערלוירען דעם מוט.

און מיר קוקען אויף איהם און שווערען אין הערצען, אַז מיר וועלען געהן אין זיינע וועגען. אויך מיר וועלען נישט פערלירען קיינמאָל דעם מוט, נאָר גראָד אין די טרויעריגסטע מאָמענטען— נאָך מעהר אונזערע כחות מקריב זיין פאַר'ן פאָלק.

דאָס איז הערצל'ס הייליגע צואה, דאָס איז זיין רייכע ירושה. אַ פאָלק, וואָס האָט בעקומען פון זיין פיהרער אַזאַ רייכע ירושה, מעג זיך אין זיין יאָהרצייט מאַכען אַ נאַציאָנאַלען יום־טוב.

ד"ר ירמיהו פרענקעל.

———

200 זעלנער קראַנק געוואָרען

פון פערגיפטעט פלייש.

ב י אַ ל י ס ט אָ ק, 7. (ספ. טעל.). אין אָסאָווצער מיליטער־גאַרניזאָן זענען אין 42־טען פולק פלוצלונג קראַנק געוואָרען 200 זעלנער. אַלע זעלנער האָבען בעקומען גרויסע היץ. דער מיליטערישער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט סמנים פון מאַסען־פערגיפטונג.

די פערגיפטעטע זעלנער זענען איבערגעפיהרט געוואָרען אין ביאַליסטאָקער שפּיטאָל. ס'איז בעשטימט געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פעסטצושטעלען די סיבות פון דער פערגיפטונג. לויט אַלע ביז־איצטיגע סמנים זענען די קראַנקהייטען געקומען צוליב'ן עסען פון פערגיפטעט פלייש.

אורטייל איבער די תליינים

פון באַגראַוו'ן.

מ אָ ס ק ו ו ע, 7 (יט"א, טעלעגראַפיש). אין קיעוו האָט זיך נאָך 5־טאָגיגע פערהאַנדלונגען פערענדיגט דער פּראָצעס געגען די אַרבייטער סערגעיעוו און קוזניעצאָל, וועלכע האָבען אין יאָהר 1910 פרייוויליג אויסגעפיהרט דעם טויט־אורטייל דורך הענגען איבער דעם אַטענטעטער אויף סטאָליפּין'ען – באַגראַוו'ן. סערגעיעוו איז פער'משפט געוואָרען אויף 5 יאָהר שווערע תפיסה מיט שטרענגער איזאָלאַציע, קוזניעצאָוו האָט בעקומען 3 יאָהר תפיסה.

—:0:—

ניייער פֿאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

ניייער פֿאָלקסבלאַט

7 זונטאָג — כ תמוז תרפ״ח

יולי

זון־אויפֿגאַנג 3.23
זון־אונטערגאַנג 7.59

צו ד״ר. הערצעלס הייליגער 24־טער יאָהרצייט.

היינט 11 אַ זייגער פֿאַרמיטאָג קומט פֿאָר אַ פֿייערליכע הזכרה צום אָנדענקען פֿון ד״ר הערצעל אין דער סינאַגאָגע אויף אל. קאָשטשיושקי, וואָס וועט אָבגעריכט ווערען דורכ׳ן אויבער־קאַנטאָר ה׳ ה. אַלטערמאַן מיט׳ן כאָר, דער פּרעדיגער ה׳ ד״ר ברוידא וועט האַלטען אַ רעדע מעניני דיומא. 6 פֿאַרנאַכט וועט פֿאָרקומען אַ הזכרה אין שוהל „באר מרים", נ. זאַזשעווסקאַ 18 מיט׳ן אַנטייל פֿון ה׳ סווערגאַנאָווסקי.

הערצעל־פֿערזאַמלונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

5 אַ זייגער נ. מ. קומט פֿאָר אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4) אַ טרויער פֿערזאַמלונג געווידמעט דעם אָנדענקען פֿון פֿערשטאָרבענעם פֿיהרער, מיט דער בעטייליגונג פֿון רעפּ. ד״ר ראָזענבלאַט, ד״ר א. ראָזענבוים און ה׳ נ. פֿאַלמאַן.

לטובת דעם „יער־הערצל".

דער „קרן קימת", וועלכער פֿיהרט אַדורך צוליב כ׳ תמוז די טראַדיציאָנעלע זאַמלונג פֿאַר „יעור־הארץ", האָט פֿונאַנדערגעשיקט אין דער שטאָט ספּעציעלע קאַרטען מיט דעם בילד פֿון ד״ר הערצעל און מיט אַ אויפֿפֿאָרדערונג צו צו אונטערשטיצען די בעוועלדערונגס־אַקציע, וועלכע האָט אַ בעזונדערע בעדייטונג פֿאַר אַזאַ לאַנד ווי ארץ־ישראל, די לייזונג פֿון „קרן קימת" האָפֿט, אַז די יודישע נאַציאָנאַלע קרייזען וועלען רעכנענדיג דערונגען פֿון דעם פֿערשטענדניש פֿאַר דער גרויסער זאַך וועלען אויך דאָסמאָל אַרויסווייזען זייער סימפּאַטיע פֿאַר די שטרעבונגען פֿון יודישען נאַציאָנאַל־פֿאָנד, וועלכע וועגען אַזוי ענג פֿערבונדען מיט די אידעאַלען פֿון פֿערשטאָרבענעם פֿיהרער ד״ר טעאָדאָר הערצעל.

עקספּאָרט.

נאָך דער אינטערוועניץ פֿון היגען וואָיעוואָדע ה׳ יאַשטשאָלט איז היינט געקומען קיין לאָדז ה׳ אינזש. דאָמבראָווסקי, אַלס דעלעגאַט פֿון האַנדעלס־מיניסטעריום, וועלכער האָט קאָנפֿערירט מיט דעם נאַטשאַלניק פֿון דער היגער אינדוסטרי־אָפּטיילונג ביי דער וואָיעוואָדזטווע ה׳ אינזש. בייער, וועגען דער פֿראַגע פֿון עקספּאָרט פֿאַר די לאָדזער אויסאַרבייטונג.

נאָך דער קאָנפֿערענץ מיט׳ן ה׳ בייער האָט ה׳ דאָמבראָווסקי אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפֿערענץ מיט׳ן פּרעזידענט פֿון פֿעראיין פֿון די היגע גרויס־אינדוסטריעלער ה׳ ד״ר מ. באַרטשינסקי אויף וועלכער עס איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצושיקען אַנקעטע צו די היגע אינדוסטריעלער, אין וועלכע די זאָלען זיך אַרויסזאָגען וועגען פֿערשידענע פֿראַגען, וועלכע זענען פֿערבונדען מיט דער לאָדזער פּראָדוקציע, ווי אויך וועגען עקספּאָרט פֿון לאָדזער טעקסטיל־אויסאַרבייטונגען.

צום שטרייק פֿון די פֿאַרמאַצעווטען פֿון דער קראַנקען־קאַסע

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם רויערענדען שטרייק פֿון די פֿאַרמאַצעווטען אין קראַנקען־קאַסע איז נעכטען אין לאָקאַל פֿון דער קראַנקען־קאַסע וואָלטשאַנסקאַ 225, פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ אויף, וועלכער עס איז איינגעלאַדען געוואָרען דער געוו. פּראָפֿעסאָר פֿון פֿאַרמאַצעווטישער כעמיע אין לעמבערגער אוניווערזיטעט ה׳ ווינמונד זייבערג.

אויף דער קאָנפֿערענץ האָבען די לייטער פֿון דער קראַנקען־קאַסע בעקענט די פֿערזאַמעלטע מיט אַלע פּרטים פֿון דעם סכסוך מיט די פֿאַרמאַצעווטען און בעקענט גענוי דעם פּראָפֿעסאָר פֿאַרמאַקאָלאָג מיט דעם צוזאַמענשטעל פֿון די רפואות, וועלכע זענען בעת דער גריפּע עפּידעמיע אויסגעפֿערטיגט געוואָרען אין אַ גרעסערען קוואַנטום.

דער פּראָפֿעסאָר זייבערג האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די רפואות פֿון דעם צוזאַמענשטעל, ווי מען האָט געראַרפֿט מאַכען פֿאַר די גריפּע־קראַנקע ווערען נישט שנעל קאַליע, ענטהאַלטען נישט קיין שעדליכע טיילען און קענען בשום אופֿן נישט זיין שעדליך פֿאַר׳ן געזונט פֿון די פֿערזיכערטע.

* * *

(ב) ווי בעוואוסט האָט פּראָפֿעסאָר קאָסקאָווסקי פֿון וואַרשע וועגען שטרייק פֿון די פֿאַרמאַצעווטען אין קראַנקען־קאַסע זיך אַרויסגעזאָגט נעגאַטיוו וועגען פֿאַרבערייטען רפואות אין אַ גרעסערען קוואַנטום.

די פֿערוואַלטונג פֿון דער קראַנקען־קאַסע האָט אָנגעפֿרעגט ביי דעם פּראָפֿעסאָר קאָסקאָווסקי געוויסע אינפֿאָרמאַציעס וועגען זיין שטעלונג און זיך דערוויסט, אַז דער פּראָפֿעסאָר איז אַריינגעפֿיהרט געוואָרען אין אַ טעות דורך די פֿאַרמאַצעווטען; ווען מען האָט דעם פּראָפֿעסאָר בעקענט מיט אַלע פּרטים פֿון דעם ענין, האָט ער זיין מיינונג געענדערט.

* * *

(ב) אין געזונדהייטס־דעפּאַרטאַמענט אין אינערן־מיניסטעריום איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ בנוגע׳ן שטרייק פֿון די פֿאַרמאַצעווטען.

נאָך לענגערע דעבאַטען האָט דער געזונדהייטס־דעפּאַרטאַמענט פֿעסטגעשטעלט, אַז יעדער קראַנקען־קאַסע האָט דאָס רעכט פֿאָרצובערייטען רפואות אויפֿ׳ן גאַנצען טאָג. אין משך פֿונ׳ם טאָג וועט די רפואה נישט קאַליע ווערען.

דער געזונדהייטס־דעפּאַרטאַמענט שטעהט אויפֿ׳ן שטאַנדפּונקט, אַז דער שטרייק פֿון די פֿאַרמאַצעווטען איז אינגאַנצען נישט אויפֿ׳ן אָרט.

אַקציע צו בעזייטיגען אויסלענדישע מייסטער פֿון די פֿאַבריקען

(—) אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אין די היגע גרעסערע פֿאַבריקען ווערען בעשעפֿטיגט אויסלענדישע מייסטער׳ס און אונטערמייסטער׳ס און פֿאַר היימישע איז קיין אָרט נישט געבליבען, איז פֿאָרגעקומען אַ פֿערזאַמלונג פֿונ׳ם פֿעראיין פֿון פֿאַבריק־מייסטער׳ס צוזאַמען מיט׳ן טעכניקער־פֿעראיין פֿון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אויף וועלכער ס׳איז בעהאַנדעלט געוואָרען דער ענין וועגען אַנ׳ענערגישען קאַמף געגען די פֿרעמדע ממשלה אין די פּוילישע פֿאַבריקען.

פֿון די געהאַלטענע רעפֿעראַטען אויף דער דערמאָנטער פֿערזאַמלונג איז צו זעהן, אַז אין דער „זירזעדער מאַנופֿאַקטור", אַרבייט אַלס שפּינערייַ־לייטער — אַנ׳ענגלענדער; אין דער אַקציע־געזעלשאַפֿט י. יאָהן, אַרבייט אַלס לייטער פֿון דער ניסעריי — אַ דייטש; אין קינדלער׳ס פֿאַבריק, אין פֿאַביאַניץ, איז דאָס דער שפּינערייַ־דירעקטאָר — אַנ׳ענגלענדער; אין דער זשיראַרדאָווער פֿאַבריק, זענען אָנגאַזשירט געוואָרען העכער 20 אויסלענדער.

נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע איז אָנגענומען געוואָרען פֿאָלגענדע רעזאָלוציע:

1) אַזוי ווי דאָס פֿערכאַפּען די בעסטע פּאָסטענס דורך אויסלענדער אין אונזערע פֿאַבריקען, נעהמען אָן אַנ׳ערנסטען כאַראַקטער; 2) אַזוי, ווי די אַזוי גערופֿענע אויסלענדישע פֿאַך־כוחות, זענען, אין אמת, אָנפֿענגער, וועלכע וואָלטען ביי זיך אינדערהיים קיין פּאָסטענס נישט געקענט בעקומען; 3) אַזוי, ווי די מערב־אייראָפּעאישע מלוכות ערלויבען אויסלענדער צו פֿערבריינגען אויף זייערע טעריטאָריעס נאָר אין טוריסטישע צוועקען, אָהן רעכט אָנצונעהמען, וועלכען עס איז פּאָסטען, 4) דאָס פֿעהלען פֿון אַ געגענשטעלונג געגען אָט דער פֿרעמדער ממשלה אין היימישע פֿאַבריקען, קען נאָר בעטראַכט ווערען פֿאַר אַנ׳אומבעהאָלפֿענקייט און אַליין זיך מורה זיין צו דעם, אַז דער פּוילישער פֿאַכמאַן שטעהט נידריגער פֿאַר׳ן אויסלענדישען — רופֿט דער פּוילישער טעכניקער־פֿעראיין אויף צום קאַמף אַלע פּראָפֿ.־פֿעראיינען און גאַנץ פּוילען צו סאָלידאַריזירען זיך מיט דער אַקציע, וועלכע ווערט אָנגענומען געגען די אויסלענדער אין די היגע פֿאַבריקען.

גלייכצייטיג איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס אויסצואַרבייטען אַ גרעסערען מעמאָריאַל צום מיניסטער־ראַט, אַרויסצוגעבען אַ פֿעראָרדנונג, אַז אויסלענדער זאָלען נישט קענען פֿערנעהמען די פּאָסטענס, וועלכע עס קענען פֿערנעמען היימישע פֿאַכלייט.

ס׳איז כדאי צו בעמערקען, אַז די פֿעראיינען, וועלכע האָבען אונטערגענומען די דערמאָהנטע אַקציע, שטעהען אונטער דער השפּעה פֿון די נ״ד באַרעקעס.

ליקווידאַציע פֿון אַנ׳אַרעסט-הויז.

(—) ווי מיר האָבען שוין בשעתו מיטגעטיילט, האָט די שטאָדטישע־סטאַראָסטווע אַרויסגעגעבען אַ פֿעראָרדנונג צו ליקווידירען דעם אַרעסט־הויז ביי דער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור, ווייל דער היגער מאַגיסטראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצוהאַלטען דעם אַרעסט.

די ליקווידאַציע האָט זיך שוין פֿרייטאָג אָנגעהויבען. לויט דער פֿעראָרדנונג פֿון דער פּראָקוראַטור ביים קרייז־געריכט זענען אַלע אַרעסטאַנטען, איבערגעפֿיהרט געוואָרען אין טורמע אויף קאָפּערניקאַ גאַס.

פֿאָדלעגענע שטייערען אויס־צאָהלען אין ראַטעס.

(—) פֿרייטאָג האָט דעם פּרעזעס פֿון פֿינאַנץ־אַמט אין לאָדז, בעזוכט אַ דעלעגאַציע פֿון די קליינהענדלער פֿון דער קאָלאָניאַל־בראַנזשע, וועלכע האָבען אינטערווענירט, וועגען שטייער־פֿערלייכטערונגען פֿאַר די קליינהענדלער, צי קענען זייערע פֿאָדלעגענע שטייערען אָפּצאָהלען אין וועכענטליכע ראַטעס.

דער פּרעזעס האָט צוגעזאָגט מיט דעם ענין זיך צו פֿאַראינטערעסירען און פֿערלייכטערען אויף וויפֿיל ס׳וועט נאָר מעגליך זיין.

אויך אויף די זומער־וואוינונגען מוז זיין ריין.

(—) אויפֿ׳ן סמך פֿון דער פֿעראָרדנונג פֿון אינערן־מיניסטעריום, וועט מיניסטער סקלאַדקאָווסקי אין דער אַנדערער העלפֿט פֿון היינטיגען חודש אַדורכפֿיהרען אַ סאַניטאַר־אינספּעקציע אויף די זומער־וואוינונגען.

אָפּצאָהל פֿאַר בקשות.

(—) דער מאַגיסטראַט האָט בעשטעטיגט אַ נייעם טאַריף אויף פֿערשידענע בקשות צום קאָמיסעט פֿאַר׳ן פֿונאַנדערבויען די שטאָט: פֿאַר אַ בקשה וועגען אַ הלוואה — 10 זל. פֿאַר אַרויסגעבען אַ בעשייניגונג, צו וועלכער עס דאַרף נישט זיין קיין לאָקאַלס־וויזיע — 10 זל. פֿאַר אַ בעשייניגונג מיט אַ לאָקאַלער־וויזיע — 14 זל. פֿאַר אַ בעשייניגונג, וואָס איז פֿערבונדען מיט אַ הלוואה־קאָנטראַקט — 1 פּראָצענט פֿון דער קאָנווערטירטער סומע.

פֿון האַנדעלס-געריכט.

פֿרייטאָג האָט די האַנדעלס־אָפּטיילונג ביים היגען קרייז־געריכט בעטראַכט די בקשה פֿון דער פּירמע רישאַרד פֿייפֿער פֿון נאַרוטאָ 13, וועלכע האָט געבעטען, אַז דאָס געריכט זאָל פֿאָרלויפֿיג אָפּשטעלען איהרע צאָהלונגען, מאָטיווירענדיג דערמיט, וואָס מאָמענטאַל. געפֿינט זיך די פּירמע צוליב די שלעכטע פֿריהלינגס־וועטערן, ווי אויך צוליב די קאַנאַליזאַציע־אַרבייטען אויף נאַרוטאָ, וועלכע האָבען בעשווערט דאָס צוקומען פֿון די קונים, אין אַ שווערע, מאַטעריעלע לאַגע.

נאָך אַ בעראַטונג האָט דאָס געריכט בעשלאָסען אָפּצולעגען די צאָהלונגען פֿון דער דערמאָנטער פּירמע, אָנהויבענדיג פֿון 9־טען יוני ה. י. ביז 5 סעפּטעמבער ה. י.

אַלס אויפֿזעהער איבער דער פּירמע איז בעשטימט געוואָרען אַדוואָקאַט דאַניעל פּאָרעל און אַלס ריכטער־קאָמיסאַר, — דער האַנדעלס־ריכטער עמיל האַדריאַן.

*

אינ׳ם ענין פֿון דעם „אויפֿאַרלאַשטש" פֿון מאיר יחיאל זאַקליקאָווסקי, האָט דאָס געריכט בעשטעטיגט ענטגעגען צו קומען דער בקשה פֿונ׳ם אויבענדערמאָנטען און צו פֿערלענגערען דעם גלויבער־בריף, ביז׳ן 5 אויגוסט ה. י. ווי אויך צו בעפֿרייען איהם פֿון אַרעסט.

צוגערויבט 10 טויזענד זלאָטיס אין דער וואַרשעווער היפּאָטעק=פּאָסט און אַנטלאָפען קיין לאָדז.

(2) נעכטען האָט די לאָדזער פּאָליציי בעקומען אַ מעלדונג פֿון וואַרשא, אַז קיין לאָדז איז אַנטלאָפען אַ געוויסער ווינצענטי אַנדרוקיעוויטש, אַ וואָזשני פֿון דער וואַרשעווער היפּאָטעק־פּאָסט, וועלכער האָט צוגענומען 10000 זלאָטיס און איז אַנטלאָפען.

צוליב דער מעלדונג האָט די לאָדזער פּאָליציי אונטערגענומען אַנ׳ענערגישע אויספֿאָרשונג, כדי אויפֿצוזוכען דעם דעפֿראַודאַנט.

ביינאַכט האָט די פּאָליציי אַדורכגעפֿיהרט אַ רייהע רעוויזיעס אין פֿערשידענע מלינה׳ס. עס ווערען דורכגעפֿיהרט רעוויזיעס אויך אין לאָדזער פּאָוויאַט. דערוויייל איז מען נאָך נישט געפֿאַלען אויף די שפּורען פֿון דעם ענטלאָפֿענעם.

אויסלענדישע הלוואה פֿאַר לאָדז, איז געזיכערט

(—) בעת׳ן עהערנעכטיגען ווילען פֿון ה. שטאָט־פּרעזידענט אין וואַרשא, האָט ער אָפּגעהאַלטען אַ לענגערע קאָנפֿערענץ מיט׳ן פּרעזעס פֿון דער „באַנק גאָספּאָר. קראַיאָווענאָ", גענ. גורעצקי מכח דער הלוואה אויף אינוועסטיציע־צוועקען פֿאַר לאָדז.

ווי מען אינפֿאָרמירט אונז, איז די הלוואה, פֿאַר לאָדז געזיכערט עס איז נישט מעהר געבליבען, ווי אַדורכצופֿיהרען איניגע נויטיגע פֿאָרמאַליטעטען, צוליב דעם, האָט נעכטען ראַ הי נעמיילט דער דירעקטאָר פֿון דער וואַרשאָווער אָפּטיילונג פֿון דער „באַנק גאָספּאָר. קראַיאָווענאָ", וועלכער האָט צוזאַמען מיט׳ן מאַגיסטראַט־פּרעזידיום אַדורכגעאַרבעט אַלע הלוואה־איינצעלהייטען.

אין רעזולטאַט פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון פּרעזידענט זשעמיענצקי מיט׳ן פּרעזעס פֿון דער באַנק גאָספּאָר. קראַיאָווענאָ וועגען דער הלוואה פֿאַר אינוועסטיציע צוועקען פֿון לאָדז, וועט אונזער שטאָט בעקומען פֿון דער דערמאָנטער באַנק צוויי מיליאָן דאָלאַר, וועלכע וועלען ווערען אויסגעבאָרגט אין צעהן גלייכע צוויי־וועכענטליכע ראַטעס, אַזוי אַז דאָס געלד וועט איינפֿליסען אין דער שטאָטישער קאַסע ביז׳ן 1־טען דעצעמבער ה. י.

די ערשטע ראַטע וועט דער מאַגיסטראַט בעקומען שוין דעם 15־טען ה. ח.

אַלערליי אויפֿבריזונגען פֿון פֿערדייאונג, מאַגען־זויערקייטען, גענייגטקייט צו גאַל־שטיינער, רייץ פֿון דער בלינדער קישקע א. ז. וו. פֿערלייכטערט און היילט דאָס אַלקאַלישע וואַסער, וואָס ס׳בעקומט זיך אַרויס דורך די צולאָזענע אַקטיוויטעטען אָדער נאָר עהנליך צו נאַטוראַל־וואַסער

TABLETKI WICHY MAGISTRA KLAWE

די איינפֿערגלייכליכע בעת אַ רייזע. רעסטאָראַן־עסען, אַלקאָהאָל געטראַנקען א. אז. וו.

צו בעקומען אין יעדער אַפּטייק און דראָגעריע.

צום פֿריהלינגס־סעזאָן
— קויפֿט איהר —
אַמבילליגסטען
אָרטיגע און אויסלענדישע
קאָסמעטיק,
פּערפֿומען,
כעמיקאַליען
די פֿרישסטע מינעראַל וואַסערן
אין אַפּטייק־סקלאַד פֿון
מאַגיסטער־פֿאַרמאַציע
K. Stock
19 Zawadzka 19
Telefon 41-02.

אַכטונג!
ספּעציעל פֿאַר אָפּרייזענדע אין דאָרף!
בעזאָרגט אייך ביי אייער אָפּרייזע מיט אַ שאַכטעלע, וואָס ענטהאַלט נויטיגע מיטלען אַלס שנעל־הילף, ווי: יאָדינע, וואַטע, ייאָלטריאָן־טראָפּען א. ז. וו. דער פּרייז פֿון די שנעל־הילף־שאַכטעלעך איז פֿון 2 זל. אָן.

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז.

היינט, זונטאג, כ׳ תמוז צוליב דעם 24 יאהרצייט פון

בנימין זאב ד״ר טעאדאר הערצל ז״ל

11 א זייגער פארמיטאג אין דער סינאגאגע אויף אל. קאשטשושקי ווערט איינגעארדנעט:

א פייערליכע הזכרה

מיט דער בעטייליגונג פונ׳ם פרעדיגער ד״ר מ. ברוידא.

5 א זייגער נאכמיטאג אין ציון. ארגאניזאציע, צעגעלניאנא 4

א טרויער-פערזאמלונג

בעטייליגונג: דעפ. ד״ר י. ראזענבלאט, ד״ר א. ראזענבוים און ה׳ נ. פאלמאן

רעגיסטראציע פון תבואה

(—) ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די אדמי-ניסטראציאנס מאכט בקרוב אדורכפיהרען א תבואה-רעגיסטראציע אין לאדזער וואיעוואודזטווע.

דער רעגיסטראציע אונטערליגען אלע תבואות – א קוואנטום פון 50 קילא, מעהל – פון 25 קילא.

מעהל איז דא גענוג!

(—) ווי מיר דערוויסען זיך האט דער מאגי-סטראט צו זיין דיספאזיציע א גרעסערען סכום קארן-מעהל. רעפלעקטאנטען קענען זיך מעלדען וועגען דעם ענין צו דער ווירטשאפטס-אפטיילונג ביים מאגיסטראט פרייהייט׳ס-פלאץ 14.

אין די אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען.

(ב) ל. פאוולאווסקי (פיעטריקאווער 309), פ. האמבורג (גלובנא 50), ב. גלובאווסקי (נארוטא-וויטשא 4), א. כארעמזא (פאמארסקא 10) און א. פאמאש (פלאץ קאשטשעלני 10).

לאדזער מאגיסטראט סובסידירט

דעם יוד. וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

דער יודיש-וויסענשאפטליכער אינסטיטוט אין ווילנא האט בעקומען אן׳אפיציעלען בריף פון לאדזער מאגיסטראט (פון 30. יוני ד. י. נומער 28–2658), אונטערגעשריבען דורכ׳ן פערטרעטער פון שטאט פרעזידענט פון פאלגענדיגען אינהאלט:

„צו דער געז. „פריינד פון יודישען וויסענ-שאפטליכען אינסטיטוט“. מיר זענען מודיע, אז דער שטאט-ראט האט אויף זיין זיצונג, וואס איז פארגעקומען דעם 26-סטען אפריל 1928 י. אנער-קענט אייך א סובסידיע פון די שטאטישע מיטלען אויפ׳ן בודושעט-יאהר 29–1928 אין גרויס פון 3000 גילדען.

די אויבען-אנגעוויזענע סומע וועט אייך איבער-שיקען אין 4 פערטעל-יאהריגע ראטעס די הויפט-שטאט-קאסע“.

4 ארבייטער פערסמ׳ט מיט שטיקענדע גאזען.

(—) אויף עק שענקעוויטש און גארוטאוויטש זענען 4 ארבייטער ביים גראבען א קאנאל פער-סמ׳ט געווארען מיט שטיקענדיגע גאזען. 2 קא-רעטקעס פון דער פאגאטאוויע האבען ענערגיש געארבייט צו ערטיילען הילף די פערונגליקטע. 2 פון די דערשטיקטע ארבייטער האבען געמוזט אפגעפיהרט ווערען אין שפיטאל, די איבריגע צוויי זענען אפגעפיהרט געווארען צו זיך א היים.

אראפגעפאלען פון די טרעפען

און שווער פערוואונדעט געווארען.

(—) די 24-יעהריגע פרימעט יאקובאוויטש איז נעכטען צוליב אונפארזיכטיגקייט אראפגעפא-לען פון 3 שטאק טרעפען אויף פיעטריקאווער 41. די האט זיך איבערגעהאקט דעם האלז און בעקו-מען וואונדען אויפ׳ן גאנצען קערפער. די פאגא-טאוויע האט דער פערוואונדעטער ערטיילט הילף.

ראיאן-קאנפערענץ פון „על המשמר“.

היינט 12 בייטאג ווערט געעפענט אין לא-קאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעל-ניאנא 4) א ראיאן-קאנפערענץ פון די ראדיקאלע ציוניסטען „על המשמר“ אין לאדזער ראיאן.

אין דער קאנפערענץ נעהמען אנטייל אין נא-מען פון דער הויפט-ביורא פון „על המשמר“ אין פוילען דעפ. יצחק גרינבוים און מאג. א ריפטין פון ווארשא.

אויף דער סאג-ארדנונג די לאגע אין ציו-ניזם און אין א״י-ישראל און די סיטואציע אין פוילישען ציוניזם א. א. וו.

די דעלעגאטען ווי אויך געסט דארפען זיך מעלדען אין סעקרעטאריאט פון דער קאנפערענץ, וועלכע איז טעגליך פון 9 פריה.

די לוין-אקציעס.

פאדערונגען פון די אנגעשטעלטע אין טעקסטיל-בראנזשע.

(2) די אנגעשטעלטע אין דער טעקסטיל-בראנזשע האבען אויף א זיצונג בעהאנדעלט דעם בריף פון די אינדוסטריעלער, וועלכע האבען גע-ענטפערט אויף דער פאדערונג פון א לוין-הוספה פון די אנגעשטעלטע פעראיינען.

עס איז אויף דער זיצונג בעשלאסען געווא-רען ווייטער צו פאדערען 20 פראצענט הוספה, פערברייטערען די קאטעגאריעס פון לוינען אויך אויף די אנגעשטעלטע, וועלכע זענען ביז איצט דורך די קאטעגאריעס נישט ארומגענומען געווארען.

שטרייק אין קעסטענבערגס-פאבריק.

(ב) נעכטען איז אויסגעבראכען א שטרייק אין דער שפינערייאפטיילונג אין קעסטענבערג׳ס פאבריק אויף נאווא-טארגאווא 26.

די סבה פונ׳ם שטרייק איז דאס, וואס די ארבייטער האבען נאך דער הוספה, בעקומען אויס-געצאהלט ווייניגער, ווי עס איז בעשטימט לויט׳ן „צענניק“.

בוי-ארבייטער שטרייקען ווייטער.

(ב) ווי מיר האבען שוין בשעתו מיטגעטיילט, איז צווישען די בוי-ארבייטער און די בוי-אונטער-נעהמער נישט געקומען צו קיין פערשטענדניש אין דעם ענין וועגען העכערען דעם לוין פאר די ארבייטער.

א ברית.

אויפ׳ן נאמען מארקוס זילבערבערג איז אפגעגעבען געווארען ביי אונז אין אדמיניס-טראציע. אפצונעהמען ביים פארלעגען געהעריגע דאקומענטען.

סטרוזשעס בעקומען א הוספה.

(ב) אונטער׳ן פארזיץ פון ארבייטס-אינספעק-טאר וואיטקעוויטש איז נעכטען פארגעקומען א זיצונג פון דער שידס-קאמיסיע וועגען די הויז-וועכטער.

די קאמיסיע האט אויסגעהערט 4 פארשטע-הער פון הויז ווירטען און 4 הויז-וועכטער און פעסטגעשטעלט פאלגענדע לוינען, וועלכע וועלען זיין פערפליכטעט ביז׳ן 1-טען יאנואר 1930. פאר די הייזער פון 1 טע קאטעגאריע 32 זל. א וואך; 2-טע קאטעגאריע – 25 זלאטיס; 3 טע קאטעגא-ריע – 17.50; 4 טע קאטעגאריע 9.50 און 5-טע קאטעגאריע – 6 זל. א וואך.

4-יעהריג-קינד אומגעקומען אין א קלאזעט.

(—) אויף זגיערזשער 87 איז דער 4-יעהרי-גער טאדעוש מינער אריינגעפאלען אין קלאזעט, כאטש מען האט באלד בעמערקט דעם אומגליק, געגומען דאס קינד ראטעווען און עס ארויסגעצוי-גען, אין א פאר מינוט ארום, אבער דאס קינד איז אין משך פון די פאר מינוט דערשטיקט געווארען פון די שעדליכע גאזען.

אויפ׳ן ארט פון דעם געשעהעניש איז באלד אנגעקומען די פאליציי און אונטערנומען אן׳ אויספארשונג. עס ווערען צוגעצויגען צו פעראנט-ווארטליכקייט: דער הויז-ווירט, ווייל דאס קלאזעט איז אין אזא צושטאנד וואס בעדראהט דאס לע-בען פון די לאקאטארען, און די מוטער פונ׳ם קינד, ווייל זי האט געלאזט איהר קינד אהן אויפזיכט.

אויסשטעלונג פון גאז-מכשירים.

(—) פרייטאג איז אונטער׳ן פארזיץ פון וויצע-פרעזידענט י. ראפאלסקי, פארגעקומען א זיצונג פונ׳ם אויפזיכטס-ראט פון דער שטאדטישער גא-זאווניע, אויף וועלכער ס׳איז בעשלאסען געווארען איינצוארדנען אין א צימער פון דער רעגירונגס-פאך-שולע פאר פרויען אן׳אויסשטעלונג פון גאז-מכשירים, וואס זאל אפען זיין ביז׳ן 1-טען מאי 1929

ווייטער איז בעשלאסען געווארען, צוליב עקא-נאמישע צוועקען נישט צו בעטייליגען זיך אין דער פוזנער גאז-אויסשטעלונג מיט א בעזונדערען פאווילאן.

זיך געהאנגען א פרוי.

(—) א שרעקליכע טראגעדיע האט זיך אפגע-שפילט אויף פשענדזשאלניאנא 4.

די 58-יעהריגע מאטילדא שענפעלד, וועלכע האט שוין פון לאנג געליטען אויף א נערוועין-צר-שיטערונג האט זיך עהערנעכטען אויפגעהאנגען.

דעם שרעקליכען זעלבסטמארד האבען ענט-דעקט די שכנים צום אומגליק צו שפעט. די ארויס-גערופענע פאגאטאוויע האט שוין נאר פעסטגע-שטעלט דעם טויט.

קאשטשושקי-דענקמאל

(מ) פרייטאג, דעם 6. יולי איז אין דעם אטעליער פון בעקאנטען סקולפטאר א. לובעלסקי אונטער׳ן פארזיץ פונ׳ם לאוניק פון דער בוי-אפ-טיילונג ביים היגען מאגיסטראט ה׳ איזדעבסקי, פארגעקומען א זיצונג פון קאמיטעט פאר׳ן אויפ-בויען אין אונזער שטאדט א דענקמאל פון טאדע-אוש קאשטשושקי.

נאכדעם, ווי דער קאמיטעט האט זיך בעקענט מיט דער שוין-אויסגעפערטיגטער ארבייט פונ׳ם סקולפטור לובעלסקי, איז בעשלאסען געווארען די סקולפטור צו לאזען אויסגיסען אין בראנז אויף וואס דער היגער מאגיסטראט וועט אין די נאהנסטע טעג מאכען א קאנקורס.

א גרויסע שרפה.

(2) נעכטען ארום 5 א זייגער נאכמיטאג האט אויסגעבראכען א שרפה אין מאגאזין פון כעמי-קאליען, הייל, נאפט און שמירעכטס פון דער פיר-מע פיין און שותפים (אלעקסאנדריסקא 28).

צוליב דעם, וואס די מאטעריאלען אין מא-גאזין זענען לייכט אנצינדיגע האט דאס פייער זיך שנעל פערשפרייט. די שכנים האבען אלארמירט די פייערלעשער. אין משך פון א שעה צייט האט זיך די פייערלעשער איינגעגעבען צו בעהערשען די סיטואציע און דאס פייער אפצולעשען.

אינספעקציע פון טאקסובקעס.

(מ) מארגען, מאנטאג צווישען 8 און צעהן א זייגער פריה, וועט אויפ׳ן פרייהייטס פלאץ פאר-קומען די ווייטערדיגע אינספעקציע פון די טאק-סובקעס פון נומער 91 ביז 105.

דעמאנסטראציע פון ארבייטס-לאזע אין קאנסטאנטין.

(—) א המון פון ארבייטסלאזע פון עטליכע הונדערט פערזאן האט נעכטען בעלאגערט דעם קאנסטאנטינער מאגיסטראט און געפאדערט, אויס-צוצאהלען אונטערשטיצונגען, אדער ארגאניזירען עפענטליכע ארבייטען.

די פאליציי האט צוטריבען די דעמאנסטראנ-טען; די ארבייטסלאזע האבען דאן געוועהלט א קאמיסיע, וועלכע וועט צוזאמען מיט די פארשטע-הער פון קאנסטאנטינער מאגיסטראט אינטערוועני-רען אין לאדזער וואיעוואדזטווע וועגען עפענטלי-כע ארבייטען אין קאנסטאנטין.

אנ׳אונבעהאלפענקייט הערשט ביים אויסקלייבען אנ׳ענטשפרעכענד מיטעל געגען די זומער-שפרענ-קעלען צוליב דער גרויסער צאהל אנגעווארפענע פרעפאראטען. פון פיל זייטען איז דערהויבען גע-ווארען א ספעציעלע אנערקענונג וועגען דער זא-פארטיגער און אונשעדליכער טעטיגקייט פון לעש-ניצער׳ס קרעם און זייף, וועלכע פערדינען א בע-זונדערע אויפמערקזאמקייט. דער בעשטאנד פון דעם פרעפאראט שטעלט מיט זיך פאר אויפ׳ן גרונד פון דער איצטיגער קאסמעטישער וויסענשאפט דאס בעסטע מיטעל, וואס ברענגט אויסגעצייכענטע פאל-גען אין דער טעטיקייט.

צו וואס רייצען די אויגען?
דו קענסט דאך דיינע
זומער-שפרענקעלעך
אמזיכערסטען בעזייטיגען מיט
LESCHNITZER
קרעם און זייף
צו בעקומען אין אפטייקען און סקלאד-אפטעקשנעס.
קרעם 3.15, זייף 30 .2

מארגען — געזעגענט זיך לאדז מיט יאסעלע ראזענבלאט׳ן.

מארגען, מאנטאג אווענד געזעגענט זיך דאס יודישע לאדז מיט׳ן „קעניג פון די אמעריקאנער חזנים“ יאסעלע ראזענבלאט, וועלכער טרעט אויף אונוווידערופליך צום לעצטען מאל אין „פילהארמא-ניע“ ראזענבלאט׳ס ערשטער אויפטריט אין לאדז איז אראפ מיט א שטורמישען ערפאלג. דער זאל האט געדונערט פון אפלאדיסמענטען, ווען ראזענ-בלאט האט געזונגען זיינע שלאגערס ווי „אמר ר׳ אליעזר“, „רחבינא“, „אחינו בני-ישראל“ א. א.

אויף זיין מארגענדיגען געזעגנונגס-קאנצערט האט ראזענבלאט אויסגעקליבען די שענסטע חזנישע לידער פון זיין רייכען רעפערטואר.

עס איז צו גלויבען, אז די אונצייליגע פער-עהרער פון יאסעלע ראזענבלאט׳ן וועלן זיידיג פייערן ראזענבלאט׳ס לעצטען געזעגענונגס-קאנצערט און זיי וועלען פערפולען די „פילהארמאניע“ ביז׳ן לעצטען פלאץ.

מעלדונג.

א הערצל טרויער-אווענד אין „ברית-טרומפלדור“.

אין דער שומרים-ארגאניזאציע „ברית-טרומ-פלדור“ קילינסקי 60 ווערט פארקומען היינט דעם 8. יולי, 9 א זייגער אין אווענד א הערצל-טרויער-אווענד. איינגאנג פריי. 403

„BLASKOLIN“

„BLASKOLIN“ ענטהאלט אין זיך אלע מעלות פון דער בעסטער זייף מיט די ריינגונגס-אייגענשאפטען פון בענזין.

„BLASKOLIN“ וואשט און ריינגט די פערפעטסטע-מאטעריאלען און וועש.

„BLASKOLIN“ וואשט און ריינגט די דעליקאטסטע וואלענע שטאפען, בוימוואלענע און זיידענע, ווייסע און קאלירטע אהן שום שאדען פאר דעם שטאף און קאליר.

„BLASKOLIN“ בעזיצט א ספעציפישען גערוך פון צוגלונגס-מאטעריאלען, וועלכע געהען ארויס אין זיין צוזאמענשטעל. דער גערוך געהט נישט ארויס אין די געוואשענע זאכען.

„BLASKOLIN“ איז די סאמע עקאנאמישסטע זייף ⅔ קילא פון „Blaskolin“ פערטרעט איין קילא פון דער בעסטער זייף אין סאך פון שטארק פערפעטסטע וועש, דארף מען די וועש איינווייקען אין די געדיכטע מידלינגעס פון „בלאסקאלין“, צוטארגענס איבערוואשען אויס׳ן איינזאכטען אויף מיט דער „בלאסקאלין“-זייף.

ווער עס פראבירט איין מאל די זייף „Blaskolin“ וועט אויף שטענדיג אוועקווארפען אלערליי אנדערע וואש-מיטלען.

Wielkopolska Wytwornia Chemiczna
„BLASK“ S-ka Akc.
POZNAŃ, Aleje Marcinkowskiego 5.
Przedstawiciel:
J. ORDON, Łódź, Lipowa 47

קהלה-פערוואלטונג אנגענומען דעם בודזשעט אין דער 3-טער לעזונג.

(—) דאָנערשטאָג זענען פאָרגעקומען די ווייטערדיגע דעבאַטעס איבער'ן קהלה-בודזשעט. אין דער בילדונגס-אָפּטיילונג זענען אָנגענומען געוואָרען צו העכערען די סובסידיעס פאַר „מחזיקי הדת" ביז 10,000 זל. „תורת חסד" — 4000 זל.; „יסודי התורה" קילינסקי 116 — 4000 זל.; „יסודי התורה" בייערס מאַרק 4000 זל.; ת"ת בזשעזשינער 23 — 5000 זל. ת"ת אלעקסאַנדראָווסקא 13 — 4000; ישיבה „בית אברהם" — 5000 ת"ת ליפּאָווא 31 — 2000, „אהבת תורה" — 2000, „שומרי הדת" — 3000 „בית יעקב"-שולע—8000, „כתר התורה" — 3,000, ת"ת פּעפּער גאַס 17 — 2,000, קין ביי דער ת"ת של הרב מייזעל ז"ל — 3000.

נייע פּאָזיציעס פאַר: „יסודי התורה" פּאָלודניאָווא 11 — 6000, „בית מאיר" — 2 000, ת"ת ביי דעם ווילקער בית המדרש — 2,000.

אויפ'ן פאָרשלאַג פון אדוו. ווייצמאַן געהעכערט פּאָזיציעס פאַ" האַנדווערקער-קורסען ביז 20,000 זל. פאָלקס-סקויטונג — 1,000 „שמשון"— 1,000 זל. פאָלקס-בילדונגס-ליגע — 2000, האַנדווערקער שולע ביי קהלה — 15,000 זל.

פאָרשלאָגען אדוו. ווייצמאַן צו גרינדען לעזעזאַל אין באַלוט און סובסידירען יודישע טעאַטער-געזעלשאַפט, און העכערען די פּאָזיציע צו לערנען יודישע האַנדוועבער אויף קראַפּט, ביז 15 .000 זל.— אדורכגעפאַלען.

בעשלאָסען 10,000 זל. פאַר לאָדזער יודישע אַקאַדעמיקער, אויך פאַר שטודירענדע פון העכערע תלמודיסטישע קורסען.

פאָרשלאָג פון דאָזאָר ציטרינאָווסקי 1,000 זל. פאַר ספּאָרט-פעראיין שטערן — אָנגענומען. נאָר דעם פאָרשלאַג צו סובסידירען דעם „ארט" מיט 5,000 זל. און 3000 זל. פאַר יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט—אדורכגעפאַלען.

דאָן איז פאַרגרעסערט געוואָרען פּאָזיציעס פאַר „יבנה" „בית אולפנא" און שלום עליכם שולען— צו 3000 זל.

אדורכגעפאַלען די פאָרשלאָגען צו סובסידירען „קרן תרבות" פאָלקס-אוניווערזיטעט און העברעאישע קורסען.

בעשלאָסען פּאָזיציעס פאַר אָווענד-קורסען צו 1000 זל. פאַר „בני ציון" „התחיה" „המזרחי" שערי ערב אַגראַדאָווא 8 קילינסקי 27 פּאָלנאָצנא 11 סאָלנא 7, דזשעלנא 11, פרייהייט-פּלאַץ 3 און אָווענט-קורסען אויף ציגעל-גאַס 17.

צו 500 זל. פאַר די ביבליאָטעקען: „טבריה" „נאַרדאָן" „פּועלי אמוני ישראל" און באַראַכאָוו. „הזמיר", העברעאישע אוניווערזיטעט „קרן היסוד" „קרן הגאולה. ווערען נישט סובסידירט.

צו 1000 זל. פאַר די יודישע ספּאָרט פעראיינען. אָנגענומען אין דער צווייטער לעזונג די אָפּטיילונג פון בילדונג.

א פּרעמיע פון א 3,000 זל. פאַר'ן בעסטען העברעאישען ליטעראַרישען ווערק.

אין אויסערגעוועהנליכען בודזשעט איז אריין געשטעלט געוואָרען 5,000 זל.: אויף דיספּאָזיציע.

אויך אָנגענומען דער זעלבער בודזשעט אין דער צווייטער לעזונג.

אויך אָנגענומען אין דער צווייטער לעזונג די עטאַט-אָפּטיילונג.

אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציעס: די אינסטיטוציעס, וואָס טרעטען ארויס עפענטליך אום שבת, וועלען נישט בעקומען קיין סובסידיעס.

אָנגענומען אין דער צווייטער לעזונג דעם בודזשעט, אין דער דריטער לעזונג זענען אריינגעטראָגען געוואָרען פאָלגענדע ענדערונגען:

פאַר „מושב זקנים ביז 10,000 זל. „קרן התורה" — ביז 2,500 זל.

געהעכערט פענסיעס פאַר'ן ראַבינאַט ביז 800 זל. פאַר יעדען און פאַר איינעם ביז 920 זל. א חודש.

די הוספה פאַר קאַנצעלאַריע-אָנגעשטעלטע העכערען פון 1. יאַנואַר 1928.

פאָרגעזעהען א סומע פון 10,000 זל. אויף הוספות.

אָנגענומען אין דריטער לעזונג דעם בודזשעט.

פּרעזעס מינצבערג ערקלערט, אַז דער בודזשעט איז א היסטאָרישער, ווייל ער איז אָנגענומען געוואָרען אויף א פּאַרלאַמענטאַרישען אופן, פערענדיגט א ווערק פאַר וועלכען די קהלה קאָן שטאָלץ זיין. ער דאַנקט די מיטגלידער פאַר דער מיהפולער אַרבייט.

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספעציאַליסט פאַר הויט-, האָר און זע קסועלע קראַנקהייטן, מענער - שוואַכע, לישיי און ראָק, רענטגען-שטראַהלען און קוואַרץ ליכט, עלעקטרא-טעראַפּיע.
נעמט אָן פון 12 ביז 3 נאָכמ. און פון 6 ביז 9 אין אָוונט.

מיר בעזעצען אייניגע הונדערט פּאָסטענ

מיט שטעטישע רעפּרעזענטאַנטען אין אַלע ערטער פון פוילען. הערען און דאַמען פון אַלע שטאַנדען, וועלכע רעפלעקטירען אויף א שטענדיגען מאָנאַטליכען איינקונפט, דאַרפען זיך ווענדען מיט אָנגאַבען פון פאַך א. א. וו.

צו דער דירעקציע

„SANATOR"

אין בידנאַשטש 14.

א מאַרקע אויף ענטפער דאַרף צוגעלייגט ווערען.

יודיש טעאַטער אין זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשא 20

לעצטע 2 פאָרשטעלונגען פון **אנא און הײמאַן יאַקובאָוויטש**

היינט זונטאָג, 8 יולי 9 אָוו. צום 2. מאָל

סערקע קאַזאַק

אין 3 אַקטען מיט פיל שעהנע געזאַנג און טענץ פון נאַגצר. הויפּט-ראָל „סערקע קאַזאַק"—אנא יאַקובאָוויטש. אין „סערקע קאַזאַק" ווערט געזונגען שעהנע קופּלעטן, דועטען, קואַרטעטען, ווי אויך נייע טענץ. אַלע אַהן אויסנאַהם וועלען קומען זעהען „סערקע קאַזאַק"

מאָנטאָג, דעם 9 ווערט נישט געשפּילט דינסטאָג, דעם 10-טען 9 אָוונד גרויסע פּאָפּולערע פּאַרש. עלונג פון 1 — 2.50 צום לעצטען מאָל!

„די מאַמע פון דער וועלט"

לעבענסבילד אין 4 אַקטען מיט געזאַנג. הויפּט-ראָלען „מרים"- אנא יאַקאָבאָוויטש „דעוו" - היימאַן יאַקאָבאָוויטש.

צום שלוס א גרויסער קאָנצערט מיט'ן אָנטייל פון אנא יאַקאָבאָוויטש.

אַלע פּיעסען זענען רעזשיסירט פון היימאַן יאַקאָבאָוויטש.

ס'נעהמען אָנטייל פּראָיען: בעזמאַן, זשווקינאַ, מאַכאַראָווסקאַ, פאָדערמאַן. מעסערס: אריעז, אייזענבערג, בייגוים, באַלינסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, נייהויז, פּאָליאַנסקי, צווייליך. מוזיקאַלישע ליטונג: ל. זעלמאַן, טענץ איינשטודירט פון פאַנץ מייסטער ב. לייבאָוויטש. סופלער: א. בזומאַן. בינגע-לייטער: מאַכאַראָווסקי. בילעטען אין פילהאַרמ.-קאַסע.

צוליב דער קאָנקורענץ

זענען די פּרייזען פון היינט אָן פערקלענערט געוואָרען מיט 15% ווי:

טואַלעט-זייפען פּערפומען, פּודערן,

קעלנישע און בלומען-וואַסערן

פערשידענע קרעמען

אין- און אויסלענדישע

— ווי אויך —

אַלע ארט קאָסמעטיק

פּערפומעריע

J. Drukier

11 Zawadzka 11

דעלעגאַציע פון קאָלאָניאַל-הענדלער-פעראיין

ביים פּרעזעס פון פינאַנץ-קאַמער.

דאָנערשטאָג, דעם 5 יולי ד. י. האָט זיך פאָרגעשטעלט ביים פּרעזעס פון פינאַנץ קאַמער ה. טאָוואַרניצקי א דעלעגאַציע פון קאָלאָניאַל-הענדלער-פעראיין, צעגעלניאַנא 15 אין די פּערזאָנען וויצע-פּרעזעס גאָטליב, עהרן-סעקרעטאַר פינקעלשטיין — און דירעקטאָר, י. וויינבערג.

אין זיינער צייט האָט די קליינהענדלער-צענטראַלע אין וואַרשאַ אינטערווענירט אין די לאָדזער פינאַנץ-קאַמער וועגען צולייגען דעם אומזאַץ-שטייער פאַר 1927 פאַר די נישט-פערמעגליכע קליינהענדלער אויף גאַנץ קליינע ראַטעס, וואָס איז דורך דער פינאַנץ-קאַמער צוגעזאָגט געוואָרען. די אָרטיגע פינאַנץ-אַמטען האָבען אָבער נישט געפאָלגט דעם צוזאָג פון פינאַנץ-קאַמער.

די דעלעגאַציע פון קאָלאָניאַל-הענדלער-פעראיין האָט אָנגעוויזען דעם פּרעזעס אויף דער נישט-קאָנסעקווענטער האַנדלונג פון די פינאַנץ-אַמטען, וועלכע ווילען נישט צולייגען אויף קליינע ראַטעס דעם שטייער. די דעלעגאַציע האָט געגעבען צו פערשטעהען, אַז ביי וועכענטליכע ראַטעס וועט דעם צאָהלער זיין לייכטער איינצאָהלען דעם שטייער און ער וועט אויף אַזאַ אופן ערלעדיגט ווערען.

דער פּרעזעס האָט דאָס גענומען אין אַכט און באַלד אַרויסגעגעבען די געהעריגע פעראָרדנונג, אַז פאַר די אָרימע שטייער צאָלער, וואָס זייער אומזאַץ ווערט געשאַצט ביז 20.000 זלאָטיס, זאָל דער שטייער צולייגט ווערען אויף גאַנץ קליינע וועכענטליכע ראַטעס מיט 1 פּראָצ. ציגזען לויט די רשימה פון פעראיין.

„דיין קערפּער געהערט צו דיר".

וויקטאָר מאַרגעריטס בערימטער ראָמאַן, וואָס איז געווען די סענסאַציע פון פראַנקרייך.

(סוף)

אָבער זי האָט נישט קיין סענט אוי פּצו געבען דעם קינד אַ טרונק מילך. זי לויפט אַרום זוכען עפּעס אַרבייט, און געפינט נישט. אַ סאַלראַט מאַט זיך אויף איהר דערבאַרימט און איהר געגעבען אַ קופּערנע מטבע.

נישט האָבענדיג קיין אַנדערן אויסוועג פאַר זיך, האָט ספּיריטע אַוועקגעטראָגען דאָס קינד, ווען עס איז אַלט געווען אַ מאָנאַט, אין אַ הויז פאַר קינדער-שוץ. די פערוואַלטערין פון הויז האָט איהר פריהער אָפּגערעדט דערפון, ווייל דאָס איז נאָר אַ הויז פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער, און שפּעטער, ווען זי עס נישט קריגען צוריק, אַפילו ווען זי וועט וועלען, בפרט אַז זי האָט נישט געוואוסט אָנצוגעבען דעם נאָמען פון דעם קינד'ס פאָטער, כדי מען זאָל אויסשטעלען אַ מעטריקע; אָבער ספּיריטע האָט מיט אַ ביטערען געוויין דערקלעהרט, אַז זי איז געצוואונגען אַזוי צו טון, כאָטש מען האָט איהר געוואָרענט, אַז מען וועט איהר נישט צולאָזען אַפילו זעהען דאָס קינד.

און ווייטער שלעפּט זי זיך איבער די גאַסען זוכען ברויט פאַר זיך אַליין. מאָרגען פאַרשווינען האָבען זיך אונטערגערוקט מיט אומריינע פאָרשלאָגען, זי האָט אַלע אָפּגעשטויסען פון זיך און געגאַנגען שטעהן לאַנג א הונגעריג, אַ פער'הלש'טע איבער גאַסען או זבולוואַרען, ביז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אנירערגעפאַלען אויף אַ באַנק. איהרע געשוואָלענע פיס האָבען איהר שרעקליך וועה געטון און זי איז אַזוי אַנטשלאָפען געוואָרען אין דער נאַכט אַריין...

אַ פּאָליציאַנט איז צוגעגאַנגען, איהר אויפגעריסען פון שלאָף. עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט און רעכענענדיג, אַז זי איז אַ „נאַכט-פויגעלע", האָט ער איהר אָהן קיינע צערעמאָניעס אָפּגעפירט אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, וואו מען האָט זי אַריינגעזעצט צווישען די פּראָסטיטוטקעס.

דאָ האָט ווייטער איבערגעלעבט שווערע בעליידיגונגען מצד די פּאָליציי-בעאַמטע. זי האָט פערבראַכט אַ נאַכט מיט אַ טאָג צווישען די פינסטערע עלעמענטען, ביז די אייגענטימערין פון איהר האָטעל איז געקומען ערות-זאָגען, אויף איהר אָרענטליכקייט, און מען האָט זי בעפרייט.

זי בעקומט זיך מיט אַ פּאָרט-אַרבייטער און יענער האָט אויסגעזוכט פאַר איהר אַן „אַראַרבייט", אַלס געהילף פון אַ פיש-פערקויפערין. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגענהייט צו פערדינען אויף איהר לעבען, און פלייסיג אויסגעשריען די פערשידענע סאָרטען פיש אין טומעל פון מאַרק.

דער פעטער האָט פונדעסטוועגען געזוכט פאַר איהר אַ בעסערע פּרנסה, און ענדליך איז איהם געלונגען איהר איינצואָרדענען אַלס סטענאָגראַפיסטין ביי זיינעם אַ יוגענד-חבר, בערניע, אַן „אַן-אייגענטימער פון גרויסע זייף-פאַבריקען.

זי האָט זיך אויסגעלערנט קלאַפּען אויף אַ שרייב-מאַשין און זי איז פון'ם פיש-מאַרק אַריבער אַלס אָנגעשטעלטע אין אַ רייכען געשעפט.

פון דער היים האָט זי' אָפּגענומען אַ גרוס, אַז דער פאָטער געפינט זיך אין אַ משוגעים-הויז; די מאַמע אויבריק, וועמעס קאַמער-פרייליין זי איז געווען, איז קראַנק געוואָרען אויף אַ מיאוס'ער קראַנקהייט. אָבער זי האָט זיך ביסלעכווייז צוריקגעקראָגען מוט און געעפענט די אויגען אויף דער וועלט...

אָבער צ איהרע צרות נעהמט נישט קיין סוף, ווי די געוועלשאַפט וואָלט זיך פערנומען זי צו בעשטראָפען מיט אַלע פייטשען.

פּלוצלינג בעקומט זי אַ צעטעל פון גריכס, אַז זי זאָל אַהינקומען אויף אַן אויספאָרשונג. וואָס איז? זי ווערט בעשולדיגט אין פיהרען אַן אַנטי-געבורט פּראָפּאַגאַנדע. אַלס בעווייז דינט דאָס, וואָס זי האָט געגעבען איהר אַ בעקאַנטער מירעל, דער טאָכטער פונ'ם האָטעל-אייגענטימער, ביי וועלכען זי איז איינגעשטאַנען, דעם אַדרעס פון אַן אַקוּשערין, וואָס מאַכט געהיימע אָפּעראַציעס. דערצו איז נאָך אויף איהר געפאַלען דער חשד, ווייל זי האָט אָפּגעגעבען איהר קינד אין אַ הויז פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער. און עס איז דאָ נישט גלאַטיג מיט איהר...

וויפיל זי האָט נישט געפּרובט דערקלעהרען די אמת'ע אורזאַכען פון איהר שריט, אָבער דער אויספאָרשונגס-ריכטער, הער מערמעראַ, האָט זי פערדרעהט אין איהרע אייגענע טענות און אַלץ געזוכט זי אַריינצופּלאָנטערען אין קלאַגע פון פערמיידען געבורטען.

זי האָט זיך געהאַלטען שטאָלץ און אַפילו געקעמפט מיט פּראַכטונג אויפ'ן „פאַרשטעהער פון דער אָפּיציעלער מאָראַל". אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען — איהר דראָהט אַ גאָר גרויסע שטורעם-שטראָף...

ספּיריטע האָט גלייך טעלעגראַפירט צו איהר אייניגען רעטער, איהר פעטער, אַז ער זאָל קומען קיין מאַרסעל. ער איז געקומען צו זיין אַלטען בעקאַנטען בערניע, ביי וועמע ספּיריטע איז געווען אָנגעשטעלט, און זיך מישב געווען מיט איהם, וואָס מען דאַרף טון.

— ווער איז דער ריכטער? — פרעגט בערניע.

— מערמעראַ —ענטפערט ספּיריטע'ס פעטער.

— נו! — ענטפערט בערניע — איהר קאָנט זיין רוהיג. מיט פערצעהן יאָהר צוריק איז דערוועלבער מערמעראַ געווען ריכטער אין טוראָן, וואו עס האָט רעמאָלט געוואוינט אונזער מוטער. פון איהם איז שוואַנגער געוואָרען אונזער שטוב-מיידעל ניזע. וואָס איז נאָך ביי אונז ביז איצט, און דער אייגענער ריכטער, האָט איידער ער האָט איהר אַוועקגעוואָרפען, אָנגעוויזען דער אומגליקליכער אַן-אַרט, וואו מ'וועט איהר מאַכען אַן אָפּעראַציע. עס איז נאָך דאָ זיין בריף צו דער דינסטמיידעל, וועלכע ער האָט פּראָאומגליקט. און צו יענער צייט איז ער שוין געווען פּערהייראַט.

בערניע האָט אָנגעשריבען אַ בריוועל צום ריכטער און ספּיריטע מיט איהר פעטער זענען אַוועק צו איהם. תחילת האָט ער זיך אָנגעבלאָזען, אָבער ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט די פּאָר ווערטער פון בערניע, האָט ער פערשטאַנען, אַז אַןשטאָט צו זיין דער ריכטער, קאָן ער נאָך ווערען דער בעשולדיגטער, און מיט ציטערדיגע פינגער האָט ער צוריסען דעם בעשולדיגונגס-אַקט געגען ספּיריטע'ן...

ער, דער זוכער פון גערעכטיגקייט, איז געווען בעפּלעקט מיט דערזעלביגער זינד, פאַר וועלכער ער האָט פערפּאָלגט. אָט דאָ ליגט אפשר דער הויפּט-פּונקט פון דער גאַנצער געשיכטע, די צווייזייטיגקייט פון דער היינטיגער מאָראַל, וועמעס וועכטער עס זוכען ביי יענעם אַ שפּענדעל און זעהען נישט דעם באַלקען אויף זייערע אייגענע אויגען...

ספּיריטע איז בעפרייט געוואָרען, ווייל נישט זי, נאָר דער ריכטער האָט אין זיין פּריוואַט-לעבען זיך אויפגעפיהרט טויזענט מאָל ערגער, פערברעכערישער. זי איז געווען אַ קרבן פון דעם ענגאַאיזם, וואָס ער, דער ריכטער, און יענער אומבעקאַנטער וועגען בעגאַנגען געגען איהר און אַנדערע פּרויען.

און געהענדיג צוריק מיט שמחה, האָבען דער פעטער און די פלימעניצע געשמועסט וועגען די פּראָבלעמען פון געבורט און ליבע. דער פעטער ווייל נאָך אַלץ איינפּלאַנצען גלויבען אין דער אומגליקליכער ספּיריטע.

— ליבע עקזיסטירט — די ליבע, וואָס פעראיינגט צוויי קערפּערס, צוויי גייסטער, צוויי הערצער אין איין געמיינזאַמען גוטען ווילען, וואָס אין זיך מקריב פאַר אַלע... נאָר דער עגאָאיזם און די אומוויסענהייט פון דער איצטיגער מענשהייט פערטושען איהר... די וועסט עס נאָך פערווירקליכען, מיין טייערע, מיין קליינע...

און זי האָט געשוויגען. זי האָט נישט געוואוסט צי זאָל זי גלויבען אָדער נישט, נאָך דעם אַלעמען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט...

איהר צוקונפט איז נאָך פערהילט אין דונקעלקייט. וועט זי זון פאַר איהר אויפגעהן, אָדער די פינסטערניש וועט ווייטער אָנהאַלטען?

דאָס זאָגט אונז צ ווערער אויטאָר פונ'ם ראָמאַן צו דערצעהלען אין די קומענדיגע צוויי ביכער, וועלכע וועלען זיין אַ פאָרזעצונג פונ'ם ערשטען.

קיצור פון א. ל-ר.

העלדישקייט אדער כבוד-זוכעניש?

געגנער און פערטיידיגער פון ים-פליהעריי.

פון וויליאם צוקערמאן, לאנדאן.

האבען מיר, הייסט עס, שוין דערלעבט דאס גרויסע גליק צו זעהן א פרוי, וועלכע איז אריבערגעפליגען דעם אטלאנטיק. זי פערברענגט איצט ביי אונז. אין לאנדאן, די העלדישע מיס איירהארט, וועלכע איז אין איינציגע די 40 שעה אריבערגעפליגען צו אונז פון אמעריקא, און גאנץ ענגלאנד ווייס נאר נישט, וואס פריהער צו טאן איהר אפצוגעבען דעם געהעריגען כבוד.

איך בין זיך מודה, אז איך ווער פון די אלע לופט-קונצען נישט שטארק געריהרט און דאס איז אפשר די סיבה, פארוואס אין סאמע מיטען פון די אלע הורא-געשרייען און בראווא-פאטשרייען פאר דער העלדישער לאנדס-מיידעל מיינער, האבען זיך מיר גאר פערגנב'עט אפיקורסישע געדאנקען וועגען דעם גאנצען ענין פון ים-פליהעריי, נאר כדי עס זאל נישט אויסזעהן אז איך פערגין חלילה נישט דער העלדישער מיס איירהארט איהר כשר פערדינטען כבוד וועל איך דא איבערגעבען ביידע זייטען פון דער פראגע, די ארגומענטען געגען אזוי ווי די ארגומענטען פאר ים-פליהעריי און זאל זיך יעדער איינער משפט'ן ווי איהם געפעלט.

דאס ערשטע, וואס די געגנער פון ים-פליהעריי פרעגען איז: ווער דארף עס די דאזיגע ים-פליהעריי? וואס פאר א פראקטישע נוצען וועט די מענשהייט שוין האבען דערפון, אז מען וועט שוין נאך א טוץ מאל איבערפליהען דעם אטלאנטיק און פאציפיק? פון קיין פאסאזשיר-פליהעריי ביי דעם איצטיגען צושטאנד פון עראפלאן קען דאך קיין רייד נישט זיין. ווער וועט זיך עס געהן איינשטעלען דאס לעבען און פליהען איבער'ן אקעאן אין צוויי טעג, ווען אין פינף טעג קען מען דאס זעלבע דערגרייכען אהן געפאהר און אהן לעבען-איינשטעלעניש? די אלע פראבען, וועלכע זענען געמאכט געווארען, האבען בעוויזען, אז דאס פליהען איבער'ן אקעאן איז זעהר א גרויס געפאהר און מענשען וועלען נישט איינשטעלען זייערע לעבענס בלויז איינצושפארען א פאר טעג רייזע אויפ'ן ים.

די צווייטע טענה איז:

געווינט מען טאקע דען צייט מיט'ן פליהען!? אמת, מען קען אריבערפליהען דעם אטלאנטיק אין ווייניגער ווי אין צוויי טעג אין דער צייט, ווען אויף א שיף געדויערט עס פינף טעג. וויפיל טעג דארף מען ווארטען אויף א פאסיגע וועטער צו קענען פליהען? ביי דעם איצטיגען צושטאנד פון דעם עראפלאן הענגט די לופט-פליהעריי איבער'ן ים אפ מעהרסטענס פון וועטער און דעם וועטער קען נישט קאנטראלירען, אפילו די ערפאלגרייכסטע אקעאן-פליהער האבען געדארפט ווארטען טעג און וואכען, ביז זיי האבען געקענט אנהויבען די רייזע. מען שפארט טאקע אויפ'ן עראפלאן דריי טעג, מען פערלירט אבער דריי וואכען, ווארטענדיג אויף וועטער.

דריטענס, פרעגט זיך די אלטע קשיא, פון דעם קלוגען חסידישען רבי'ן, נעמליך: — וואס איז די איילעניש? נו, און אז מען וועט שוין אריבערפליהען דעם ים אין צוויי טעג, איז וואס? וואס וועט דא די מענשהייט געווינען דערביי? וואס דארף מען עס זיך אזוי איילען, און יאגען און ברעכען דעם קאפ? און אין פינף טעג אריבערשווימען דעם ים טויג נישט? וואס ליגען דא די מענשען אזוי אין. די וועלט מיט זייער איילעניש?

און זיי קומען דעריבער צום שלוס, אז די גאנצע ים-פליהעריי האט קיין שום ווערט נישט פאר דער וועלט. די אלע פליהער ברענגען נישט קיין ביסעל נוצען דער מענשהייט און אלע זייערע קרבנות זענען גארנישט ווערט. פאר וואס זשע פליהען דאך די אלע לופט-פליהער איבער'ן ים? פאר וואס שטעלען זיי פארט זייערע לעבענס אין קאן? איז דער ענטפער: סענסאציע, ספארט און כבוד. קאפיטאן לינדבערג, וועלכער איז טאקי אן אמת'ער העלדישער מענש מיט א סך מוט, האט בעוויזען, א גרויסע העלדענטאט. ער איז איינער אליין אריבערגעפלויגען דעם אקעאן. די וועלט איז אנטציקט געווארען פון זיין טאט און פון איהם אליין, און מען האט איהם געמאכט אזא אוואציע, וועלכער קיין העלד, קיין הערשער, קיין פיהרער, אדער גרויסער מענש, קיין וואוילטוער פון דער מענשהייט האט נישט געהאט אין אונזער צייט. דאס האט בעוואוינען און באוועגט אויך איצט אנדערע איהם נאכצוטון, אפלאדיסמענטען זענען אנגענעהם און בעזונדערס אפלאדיסמענטען פון א גאנצער וועלט. דער ים-פליהער איז א מין אקטיאר. ער שפילט פאר דער גאנצער וועלט און די בינע איז דער גרויסער אקעאן. גאנצע צוויי טעג זענען די אויגען און די געדאנקען פון מיליאנען מענשען געווענדעט אויף איהם, מען פאלגט נאך יעדען טריט זיינעם. עס קלאפט דאס הארץ פאר איהם, די צייטונגען גיבען איהם אפ דעם וויכטיגסטען פלאץ, ער איז דער העלד פון צוויי קאנטינענטען. און ווען ער זיגט נאך און דערגרייכט זיין ציל! וואס פאר א גרויסער זיג דאס איז! ווי דראמאטיש, ווי שיין און גרויס!

דאס אליין ציהט און לאקט געוויסע מענשען. עס זענען פאראן כאראקטערען, וועלכע האבען אין זיך טעאטראלע שטריכען, אפילו ווען זיי זענען נישט קיין אקטיארען פון בערוף. דאס איז א קראנקהייט א.א. און פיל פון די איצטיגע ים-פליהער ליידען דערויף. א בעוויז ווערט געבראכט פון די אזוי-גערופענע ים-פליהענדע פאסאזשירען. מיי'א — זאגען זיי — פראפעסיאנעלע לופט-פליהער ווי לינדבערג, קאפיטאן בערד, טשעמבערלין און אנדערע קענען נאך אפשר האבען א פראפעסיאנעלען און וויסענשאפטליכען אינטערעס אין די געפעהרליכע ים-פליהעריען. זיי ווילען אפשר ענטדעקען נייע וועגען אין זייער פראפעסיע און דערגרייכען נייע צילען. וואס ווילען אבער די פאסאזשירען, וועלכע שטעלען זיך איין דאס לעבען און פליהען מיט? וואס א שטייגער, איז געווען דער מיין פון דער פרינצעסין לאווענשטיין — ווערטהיים, וועלכע איז געפלויגען און אומגעקומען אויף דעם סעינט ראפאעל פון לאנדאן קיין ניו-יארק? אדער פון דעם צייטונגס-מאן פעין, וועלכער איז אומגעקומען אויף דער „אלד גלארי" פון ניו-יארק נאך רוים? אדער לעווינס? אדער פון די פיל אמעריקאנער מיליאנערישע פרויען, וועלכע האבען זיך געבעטען און בעטען זיך נאך איצט ביי יעדען ים-פליהער, אז מען זאל זיי מיטנעהמען אויף די געפעהרליכע רייזעס? וואס ווילען אט די דאזיגע אלע מענשען מיט זייער פליהען? וואס זוכען זיי אויסער כבוד און אפלאדיסמענטען?

אט די אלע מענשען זענען נישט קיין קאלאמבוסעס, נישט קיין נאנסענס, אדער שאקעלטאנס, נאר פשוט'ע סענסאציע-זוכער. נישט קיין נייע ענטדעקונגען ווילען זיי מאכען, נאר „רעקארד", נישט קיין וויסענשאפטס-לייט, וועלכע זוכען ארויסצורייסען דעם סוד פון דער לופט זענען זיי, נאר קונצען-מאכער, וועלכע ניטיגען זיך אין שטארקע שפרינגען צו דערוועקען אין זיי די לוסט צו לעבען. זיי זענען פראדוקטען פון אונזער נערווען-רייסענדיגער צייט.

אזוי טענה'ן די געגנער פון ים-פליהעריי און זיי פאדערען, אז די רעגירונגען זאלען אפילו פערוועהרען די אלע קונצען אין דער לופט. מען זאל מעהר נישט לאזען פליהען איבער די אקעאנען, נאך מעהר פערלאנגען זיי, אז די צייטונגען זאלען אויפהערען וועגען די מענשען צו שרייבען און צו בעוואונדערן זייער העלדישקייט, דאס אליין זאגען זיי, וועט אפשטעלען די עפידעמיע, וועלכע לינדבערג האט נישט ווילענדיג אנגעהויבען.

•

די פערטיידיגער פון ים-פליהעריי בלייבען אבער אויך נישט שולדיג קיין ענטפער, זיי זאגען אזוי:

אמת, קיינע פראקטישע נוצען פון פליהען איבער דעם אקעאן האט מען נאך נישט, נישט אלע גרויסע ענטדעקונגען ברענגען מיט זיך באלדיגע פראקטישע נוצען. קאלאמבוסעס רייזע האט אויך נישט געבראכט קיין באלדיגע פראקטישע נוצען און נאנסענס רייזע צום נארד-פאל וועט אפשר קיינמאל גארנישט ברענגען קיין פראקטישע נוצען. די אלע גרויסע ענטדעקער און וויסענשאפטמענער פון דער וועלט זוכען נישט קיין פראקטישע רעזולטאטען. זיי ווילען בלויז אויפדעקען א ביסעל דעם גרויסען סוד, וועלכער הענגט ווי א שווערער פארהאנג איבער אונזער וועלט. זיי שטעלען זייערע לעבענס אין געפאהר און זוכען, יעדער פרוב איבערצופליהען דעם אקעאן ברענגט עטוואס נייעס, וואס מאכט די קומענדיגע פראבע זיכערער און בעסער, ביז אין איינציגע יאהר ארום נאך פיל אזעלכע פראבעס וועט די לופט-פליהעריי איבער'ן ים זיין אזא געוועהנליכע ערשיינונג, ווי שיף-פאהרעריי איז איצט.

ווי לאנג צוריק, איז עס, אז מען פליהט גאר אין דער לופט אין אלגעמיין? נאך קיין צוואנציג יאהר נישט פאראן און דאך איז דאס פליהען שוין באלד זיכערער ווי דאס פאהרען מיט דער באהן. האט מען דען נישט געזאגט דיזעלבע ארגומענטען, וועלכע מען בענוצט איצט געגען דאס פליהען איבער'ן ים, געגען דאס פליהען איבער'ן לאנד? און די דאזיגע מענשען בעוויזען, אז מען האט טאקי די זעלבע ארגומענטען אויסגענוצט מיט צוואנציג יאהר צוריק, ווען מען האט געלאכט אין די הויפענס פון מענשען, וועלכע האבען דאן פרובירט פליהען פון לאנדאן ביז מאנטשעסטער (ארום 150 מייל). מען האט די דאזיגע פליהער אויך גערופען משוגעים, קונצען-מאכער, סענסאציע-זוכער, כבוד-זוכער. מען האט דאן אויך געפרעגט די זעלבע פראגע, וועלכע מען פרעגט איצט: — צו וואס? און פאר וואס? ווער דארף עס דאס פליהען? ווער וועט געניסען דערפון? און וואס איז די איילעניש? און דאך — וואס איז געווארען פון לופט-פליהעריי אין די צוואנציג יאהר.

די זעלבע פערטיידיגער פון ים-פליהעריי ברענגען בעווייזען, אז מיט דרייסיג יאהר צוריק האט מען גאנץ גענוי די זעלבע ארגומענטען בענוצט אין ענגלאנד, אויך געגען דעם אויטאמאביל, וועלכער איז דאן נאר וואס ענטדעקט געווארען. די אגיטאציע געגען דעם אויטאמאביל איז דאן געווען אזוי גרויס אין ענגלאנד, אז פאר יעדען אויטאמאביל האט געדארפט געהן א מענש מיט א רויטען פאהן צו ווארענען מענשען פון געפאהר און אפריי־נען דעם וועג. און דאס איז געווען איינגאנצען מיט דרייסיג יאהר צוריק.

מיט 75 יאהר צוריק האט מען גאנץ גענוי אזא קאמפאניע אנגעפיהרט אין ענגלאנד געגען די אייזענבאהנען. די זעלבע צייטונגען וועלכע שרייבען איצט געגען ים-פליהעריי, האבען דאן געשטורעמט געגען די ערשטע אייזענבאהנען, וועלכע זענען דאן געלאפען גאנצע 4 א האלב מייל א שעה. „דיילי טעלעגראף", א גרויסע לאנדאנער צייטונג וועלכע פאדערט איצט שטרענגע געזעצען געגען ים-פליהעריי האט דאן געשריבען — „דאס איינציגע וואס מען קען ערווארטען פון אייזענבאהנען איז דאס, וואס זיי וועלען שנעלער דערהרג'ענען מענשען". און זי האט דאן אויך געפרעגט די זעלבע קשיות ווי איצט: ווער דארף עס די אייזענבאהנען? וועלכער משוגענער וועט עס פאהרען אויף זיי? אז מע קען מיט פערד פאהרען זיכערער?

אט אזוי גייען עס די פערטיידיגער פון ים-פליהעריי ווייטער אין דער געשיכטע און בעווייזען, אז פונקט א.א. געשריי, וועלכע מען האט אויפגעהויבען איצט געגען די לופט-פליהער, האט מען אויפגעהויבען כמעט אין יעדער צייט געגען יעדער גרויסער ערפינדונג און נייעס, און וואלט מען זיך צוגעהערט צו די אלע געשרייען, וואלט די וועלט איצט נישט געווען אויף דער איצטיגער שטופע פון ענטוויקלונג. מען וואלט נישט געוואוסט פון אונזער גאנצער מאדערנער ציוויליזאציע, מען וואלט נישט געוואוסט פון קיין פראגרעס. די וועלט געהט פאראויס — זאגען די דאזיגע מענשען — נאר דערפאר, ווייל עס געפינען זיך טאקי אט אזעלכע משוגעים, וועלכע שטעלען איין זייערע לעבענס און מאכען אזעלכע געפעהרליכע פרובען, ווי די איצטיגע לופט-פליהער. אויב זיי ברענגען אפילו נישט קיין באלדיגע נוצען, דריקען זיי אבער אויס דעם גייסט פון פארשונג און ענטדעקונג. זיי זענען די איבערגעגעבענע דינער פון דער וויסענשאפט, די טרעגער פון פראגרעס. זיי זענען די אמת'ע העלדען פון אונזער צייט, פיל גרעסערע העלדען פון די סאלדאטען, אפיצירען און גענעראלען פון אמאליגע יאהרען, ווייל זייער העלדישקייט איז בעשטאנען אין הרגענען מענשען. די דאזיגע מאדערנע העלדען דינען דער מענשהייט, אנשטאט צו פערניכטען. זיי זענען מקריב זייערע אייגענע לעבענס, אנשטאט צו נעהמען פרעמדע לעבענס. זיי שטופען די וועלט פארווערטס און ווייטער אויפ'ן וועג פון פראגרעס.

•

אט אזוי קען מען עס ארגומענטירען פאר און געגען ים-פליהעריי. פון איין שטאנדפונקט זענען די אלע ים-פליהער נישט מעהר ווי פוסטע, קליינליכע כבוד-זוכער און פון אן אנדער שטאנדפונקט זענען זיי די גרעסטע העלדען פון אונזער צייט. ווער איז גערעכט?

Dr. Z. Rakowski
ספעצ. פאר אוירען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לאמשניצע, גאגרושער 17 פון 10—11 און פון 2—3

Dr med H. NADEL
Piotrkowska 17, tel. 68-86
ספעציאליסט פון אינערליכע קראנקהייטען
צוריקגעקערט.
נעמט אן פון 4 ביז 6 נאכמיטאג.

דער טאנץ ארום גאלדענעם קאלב.

49) (ראמאן).

— כא-כא! בעשיידענהייט!.. בעשיידענהייט, און פשוט איז דאך איין-און-דיזעלבע זאך! בלויז ראפינירטע אויסוואורפען בעמיהען זיך ארויסצוווייזען זייער כלומר'שטע בעשיידענהייט, כדי געשיקטער צו בעשווינדלען די נאהענטע מענשען! א מענש, וואס פערמאגט א ביסעל שכל און לאגיק, בעדארף צו וויסען, וואס ער איז ווערט!

ראבערט און הארי האבען שפאצירט איבער'ן ענגלישען בולוואר אונטער די צערטליכע שטראהלען פון דער דרום-זון.

דאס עלעגאנט-געקליידעטע פובליקום האט שפאצירט וארגלאז מיט אפענע שירעמס, וואס זענען ענליך געווען אויף א ים צווייגטע בונטע בלומען.

הארי זיידשנור האט בעמערקט ראבערט'ן:

— אויב איהר האט אזא קליינבירגערליכע נשמה, טא פארוואס גייט איהר שוין נישט אין אייער רוהע אריין? איהר זענט שוין גענוג רייך, כדי צו לעבען אין קאמפארט. איהר קאנט אייך גאנץ רוהיג ווייטער שפילען די ראליע פון „באראן", און וואס דארפט איהר נאך? צי האט איהר נישט גענוג געא-פייט!? היט זיך!.. איהר קאנט ארויסרופען גרויס אומצופרידענהייט, וואס לויערט אויף יעדען אוואנטוריסט און וואס דראהט מיט טויט-סכנה!

— וואס ווילט איהר דערמיט זאגען?

— אויפ'ן וועג קיין רוסלאנד, האב איך אויף עטליכע טעג אויפגעהאלטען אין בערלין. דאס זעלבע האב איך אויך געטון, ווען איך בין געפאהרען צוריקוועגס. איינער א הער האט מיר געשאפען בעקאנטשאפטען אין קלוב. דאן האב איך זיך בעקענט מיט איינעם א באנקיר, וואס טראגט דעם נאמען איירלשטארט. ער האט מיט מיר א סך גערעדט. אגב, האט ער מיר דערצעהלט, אז איהר האט א שוועסטער, וואס דינט אין דער פאליציי... וועגען אייך האט ער זיך עטליכע מאל אזוי שארף אויסגעדריקט, אז איך האב אפט געמוזט איבערשלאגען די רייד, און אויפמערקזאם מאכען, אז ער איז מגזם... אגב האט ער געזאגט, אז איהר זענט א דעזערטיר, און פונקט אזא באראן, ווי איך בין א גראף...

— זענט איהר איבערציינגט, אז איך קעהר זיך אן צו דער משפחה איירלשטארט, וועגען וועלכע ער האט גערעדט? — האט ראבערט פלוצים א פרעג געטון.

— אך, ניין! צו האט רעדט איהר רעדן מיט מיר אזוי!?... אז איהר וועט מיט מיר אזוי שמועסען, וועל איך אייך זאגען א גוטען טאג, און אוועקגיין...

— נו, מילא... וואס נאך האט ער געזאגט?

— איך ראט אייך, אז איהר זאלט זיך וואס שנעלער אפטראגען... די שטראנג איז אנגעצויגען, דארפט איהר זיך היטען, אז זי זאל זיך נישט איבעררייסען... מ'דארף זעהען, אז מיר זאלען זיך נישט צופיל ווארפען אין די אויגען... ס'ווערט דאך א סקאנדאל, ווען מען הויבט אן צו גראבען אין די סודות פון אזעלכע מענשען, ווי מיר זענען...

— איך ווייס, מיין ליבער הארי, ווי דו זעהסט אויס!

— איך ווייס עס אויך... אבער עס האנדעלט זיך דאך נישט וועגען מיר!.. יא, און נאך אן עצה וועל איך אייך געבען: שפילט שוין נישט מעהר אין די איצטיגען סעזאן, און עס וועט אייך דוקא ציהען צום קארטען-טיש, טא שפילט ווי א ליבהאבער און נישט ווי א פראפעסיאנעלער שפילער.

— איך דאנק אייך... איך וועל זיך וועגען דעם איבערלייגען.

אין עק פון בולוואר האט זיך הארי זיידשנור געשיידט מיט'ן „באראן" איירלשטארט.

— איך האב א צוזאמענטרעפעניש מיט א געוויסער וועלט-דאמע — האט ער געזאגט — זי איז געווען אן'אמת'ע גרעפין; איצט געדענקט זי קוים וועגען דעם... אט האט איהר די האפטיגקייט פון אונזער צייט!

אויף זיין פנים האט זיך ביי די דאזיגע ווערטער אדורכגעגליטשט א שמייכעל, וועלכען ראבערט האט אינסטינקטיוו אנגענומען אלס א ווארעניש.

— דער מענש — האט ער א ברום געטון — ווייסט א סך מעהר, ווי ער זאגט ארויס. מ'דארף נאך ביי איהם פיל זאכען ארויסקריגען.

הארי זיידשנור איז בלי ספק געווען א טשיקאווער פערשוין.

זיין אונגעהייערע שטאלצקייט האט איהם געצוואונגען אויפצופיהרען זיך אזוי, ווי ס'וואלט זיך נישט דערלויבט א דורכשניטליכער מאגנאט, ערשטענס — צוליב קארגקייט און צווייטענס — מחמת נישט קענען זיין אריגינעל...

די עטליכע וואכען, וואס ער האט פערבראכט אין ניצצא, האט ער זיך אויפגעפיהרט, ווי א קייסער: אין די שפיל-זאלען, אין טעאטער, אין דער גאס — אומעטום האט ער ארויסגעוויזען זיין ברייטקייט. ער האט זיך רעמאנסטרירט, ווי א ריזיגער קאפיטאליסט. ביי זיין מיניאטורישער קליינקייט האט ער זיך פרעזענטירט, ווי א מענש מיט אן'אונגעהויערען ווילען און עקשנות.

אין שטאדט האט מען גערעדט נאר וועגען זיידשנור'ן, וועלכער פלעגט יעדען נאכמיטאג מאכען שפאצירען אין לוקסוס-אויטא'ס מיט די הערליכסטע, עלעגאנטסטע דאמען פון ניצצא.

איינמאל האט אין קאסינא געדארפט פארקומען א פארשטעלונג פון בעריהמטע ארטיסטען. זיידשנור האט דאן צונויפגעקויפט אלע לאזשעס ענטקעגען דער סצענע, און אין אוונט איז ער געזעסען אין דער בעקוועמסטער לאזשע מיט זיינער א געליבטער, ווענדענדיג אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם גאנצען פובליקום.

ער האט צוגעהערט ווי דער עולם האט אריינגעטענה'ט מיט די בילעטער'ן וועגען די פוסטע לאזשעס, און געשמייכעלט פון זייערע פראטעסטען וואס זיי קאנען זיך דארטען נישט אריינזעצען.

א מיטגליד פון דער דירעקציע האט זיך דאן געווענדעט צו הארי'ן, ער זאל דערלויבען צו פערנעהמען די פרייע פלעצער.

הארי איז געווארען אנ'אויפגעקאכטער.

— וואס?! — האט ער אויסגערופען — איהר האט די העזה מיך צו באאומרוהיגען! די לאזשעס האב איך אפגעקויפט פאר מיינעטוועגען!.. אט האט איהר בילעטען!.. זאגט זיי, די הערען, וואס זענען אומצופרידען, אז איך האב נאך געבראכט א גרויסען קרבן פאר זיי דערמיט, וואס איך האב נישט אפגעקויפט אלע בילעטען, בכלל, כדי נישט דארפען דולדען די אנוועזענהייט פון דעם „געעהרטען פובליקום" מיט די ריחות, וואס טראגען זיך פון זיי!..

געהן שפארען זיך מיט איהם איז געווען אן אומזיסטע טרחה.

אזא איינער איז שוין געווען דער הארי זיידשנור!

(פארטזעצונג קומט).

אַנ'אָריטא

האַלב-לאַסט
אין גוטען בויסטאַנד
(אין בעטריב) געלעגענהייטליך צו פערקויפען.
Rückert i Sokołowski, Wólczańska 228

שפּאָרט געלד!

קויפט
שירמס,
שטעקענס
נור אין דער װערקשטעל פון
ס. פייגענבוים, נאַרוטאָוויטשאַ 19
ווייל איהר קענט דאָרט קויפען מיט
25% ביליגער ווי איבעראַל.
אכטונג! עס ווערען אָנגענומען אַלערליי רעפּאַראַטורען
אין דעקונג.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און דענטיסטישער קאַבינעט.
בזשעזשינער 11, טעל. 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָווענד.

ד"ר וואַלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	4—3
ד"ר קערשנער	קינדער קראַנקהייטען	11-9 3-4½
ד"ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקה.	11—1
ד"ר לוביטש	הויט- און נעשלעכט-קר.	12½—1½
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גײַסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	12½—1½
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע-קראַנקה.	1—2
ד"ר בערנסאָן	פרויען און געבורטס-הילף	3—4

אנאַליזען, שפּראַך-שטערונגען ווי שטאַמלען א. א. וו. פּאָקען-שטעלען, קינסטליכע הערצ-ווין-בעשטראַהלונג: אינפּיעצירונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויך פערלאַנג—וויזיטען אין שטאָט.—אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, ווי אויך פלעגמע און בלוט.

אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

ד"ר לאַזשינסקי סטאַראָפּאָלסקא	צאָהן-אַרצט	1—10 3—6

קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּאָמבען א. אַ. וו.
די לעטשניצע איז אויך שבת זונטאָג.

צו וואָס זאָלט איהר ליידען פונ'ם שווייס פון פיס!

וואָס די הויט קריכט אָפּ און עס מאַכט ראַנעס און פון שלעכטען ריח, וואָס קיין מענש קאָן נעבען אייך נישט שטעהען, אַז פאַר אַ פּאָר גראָשען קענט איהר דאָס אַלעס בעזייטיגען נאָר נוצענדיג דעם בעוואוסטען פּראָשעק ראַדיקאַל, וועלכעס פערהיט אויך דאָס לעדער פון פּלאַצען. — אויך אַ גוט מיטעל צו וואַנצען און אויך צו אַלע פערשידענע ווערים, גאַראַנטירט אויף אַ גאַנצען זומער. צו בעקומען ביים ציימונגס-פערקויפער גאָלדבערג, פּיעטריקאָווער 21.
30р

LEKARZ-DENTYSTA צאָהן-אַרצט
St. GELBERG

זאַכאָדניאַ 15, טעל. 31-08
היילט גאַנץ פערנאַכלעסיגטע ציינער- און מונד-קראַנקה. צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראַהלונג, ספּעציעלער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע ציינער. נעהמט אָן פון 9—7 אָווענד. צו ביליגע פּרייזען.

[illegible]

הייל-פּעדאַ-גאָגישע קורסען
...
Dr. med.
A.Szmirgeld
נערווען-אַרצט
עלעקטריזאַציעס, ליכטבעהאַנדלונג
Cegielniana 6, tel. 51-89
נעהמט אָן פון 5—7 אָווענד

וויכטיג פאַר מיליטער פליכטיגע!

עס איז אַרויס פון דרוק פון אדוואָקאַט סאַריסק פון וואַרשע דאָס בוך מיליטער פליכט, וואָס דאַרף יעדער וויסען וועגן פאַבאַר מיליטער דינסט און איבונגען. פּרייז נור 20 גר צו בעקומען נור ביים ציימונגס פאַרקויפער יוסף וועלניאַרש אַלטע שטאָט 1 אויך איז ביי מיר צו בעקומען צו קויפען פאַרשידענע ביכער, טעאַטער פּיעסען און פאַרשידענע לידער אויך גיב איך פערשידענע ביכער אַ היים צו ליינען פאַר אַ ביליגען פּרייז. קומט איבערצייגט אייך!

Towarzystwo Akcyjne
Kurlandzkiej Olejarni w Wilnie

założone w r. 1888.
עמפּפעהלט: לאַן-אייל, געפּרעכט און דעסטילירט פון די בעסטע אינלענדישע זוימען.
— — פערטרעטונג אויף דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע — —
Inż. techn. ST. GROSBERG, Łódź,
Kilińskiego 89. Telefon 1176.

וואָרנונג!

אזוי ווי עס האָבען זיך בעוויזען אין שטאָט פערשידענע נאָכגעמאַכטע פעלד-בעטען, מאַך איך בעקאַנט דאָס ג' פּובליקום, אַז די

עכט-פּאַטענטירטע בעטען עכט-פּאַטענטירטע

זענען פּערזעהען נור מיט דער שוץ-מאַרקע
PALMA-PATENT

פאַר וועלכע מיר זענען פעראַנטוואָרטליך ביז 3 יאָהר.
— צו בעקומען איז אַלע געשעפטען. —
אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל

ניקעל-בעטען, אַמעריקאַנקעס,
ניהעל-קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך,
טיש-בעטען, קינדער-בענקעלעך
מעטער-מאַס, אויף רעדלעך.

מאַטראַצען געבעטע, שאַטקאָווע און קאַנאַדיסקע. קאָזעטקעס און טאַפּטשאַנעס.
בעמ.: בעטלעך מיט הענטלעך ווייס אָדער ברוין 17 זל.. פּאָלאָווע בעטלעך 14 זל.
רעעלע בעהאַנדלונג. פאַבריקס-פּרייזען. זעמטליכע רעפּעראַטורן.
הערט! לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. דעטייל!

פּרייז 2 זל. שנעל און רעעל! פּרייז 2 זל.
רעכטס-קאָנסולטאַנטען-ביוראָ
„פּאָראַדאַ"-„PORADA"

10 פּיעטריקאָווער 10
אונטער לייטונג פון אַ לאַנגיעהריגען רוטינירטן געריכט-סעקרעטאַר שרייבט אַלערליי ביטען און אַפּעלאַציעס, קלאָזולעס און זעבעץ-פּיעטעטעגיעס. אינפאָרמירט און שרייבט אין אַלערליי מיליטער-ענינים. אויך איבערזעצונגען אין פרעמדע שפּראַכען. 298

אַ בשורה טובה פאַר לאָדז!

פאַר 2.50 זל.
עלעקטריש בעלייכטונג אין שטוב
יעדער איינציגער קאָן בעקומען עלעקטריש בעלייכטונג אין שטוב פאַר 2.50 אַ וואָך פאַר יעדען פ. ווי אויך איבעראַרבייטען אַלטע אַנלאַגעס אויף נייע, פון ליטשניק אויף אָגראַניטשניק, פּראַטאָקאָלען פון עלעקטראָווניע. אַלעס ערלעדיגט די קאָנצעסיאָנירטע פירמע
ח. סאָלניק, לאָדז צעגיעלניאַנאַ 63
פּראַנט-געוועלב אין הויז פון פּוילישען טעאַטער. בעמ. שאַרובקעס „Philips" און „Osram" שטענדיג אויף לאַגער מיט 25% ביליגער. קומט און איבערצייגט אייך.

די לייה-ביבליאָטעק

פון א. נ. א. אייזענשלאָס,
וועלכע געפינט זיך אויף פּאָלודניאָווא 11, לינקע אָפ. איז טעטיג: מאָנטאָג און מיטוואָך פון 6—10 אָווענד און שבת פון 1—10 און פון 4—10 אָווענד. איינשרייבען קען מען זיך יעדען טאָג פון 6—10 אָוו.

אכטונג, לעטניקעס!

— דעם —
„נייעם פאָלקסבלאַט"
קען מען בעקומען טעגליך אויף די זומער-וואוינונגען:
ווישניאָווא=גורא
אין דער ביערהאַלע
גאַלקובעק און ושאַקאָוויץ
אויף די באַהן=סטאַציעס.

Dr. ADAM
GROSGLIK

Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט און ווענערישע קראַנקה רענטגען און ליכט-הייל אינסט. נעהמט אָן פון 4—7 אין אָוונט

Dr. med.
Wolf Eychner

פרויען-קראַנקהייטען
און אַקושעריע
זגערזשער 11 טעל. 34-72
נעהמט אָן אין דער לעטשניצע פּיעטריקאָווער 294 פון 12—2 נאָכמ. און דערהיים פון 6-8 אָוו.

Dr. med.
L. Pikielny

אוראָלאָג
ספּעציאַל-אַרצט פאַר
נירען, בלאָזען- און האַרן-קראַנקהייטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
נעהמט אָן פון 4—7 אין אָוונט

לעכער מאַשינאָווע

ווערען אָנגענומען אויסצוניי'ען צו ביליגע פּרייזען
ג. נאָרדמאַן
29 צעגעלנאַניאַ 29

MIEJSKI KINEMATOGRAF OŚWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.

Dla dorosłych! Dziś i dni następnych!
Królewicz Fiołków

dramat salonowy w 10 aktach.
w rolach głównych: L. Dagover, Harry Liedtke, Dary Holm i Ernest Verebes
Dla młodzieży! Dla młodzieży!
WIĘŹNIOWIE GÓR

Nad program???
W poczekalniach kina codz. do g.22 audycje radjofonicz.

2 צעראָוואַטשקעס

צו קאַמגאַרן=שטאָפען (שטרייכגאַרן)
צו מעלדען אין דער פאַבריק קילינסקא 232. 346

אַ גוטער זייגערמאַכער

געזעלען, וועלכער פערשטעהט גוט דאָס פאַך ווערט געזוכט זאָפאָרט
ביז 8 גוטער גשוש. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע

אויף ראַטעס!!!

אויבער=העמדער

און נאַכט=העמדער
פון פּאַפּעלין, זעפיר און אַנדערע שטאָפען
צו בעקומען אין דער ערשטקלאַסיגער פּראַצאָווניע פון
J. WOROBIEJCZYK
41. KILIŃSKIEGO 41.

רעפּעזירקעס

מיט גוטע פּראַקטיק פאַר פערטיגע שטרימפּף קענען זיך מעלדען פּאָלודניאָווע 69. 399

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאָז האַלז, אויערן קר.	10—11 2—3 7—6
ד"ר ראָזשאַנסקי	הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאָלדשטיין-גאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	1—2 7—6
ד"ר יוסמאַן	נערווען קראַנקהייטען	12—2
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פּאָפּערני	פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5—6
ד"ר קאָנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייט.	4-5 זונ. 1—2
ד"ר ווייסבערג	אינ. הערץ לונגען-קר.	11-1 5½—7
ד"ר מטוּפעל	רענטגען	10—12 4—6
א. טראַדזשענטשיק	צאָהן-אַרצט	3—7
נ. יאָזעפס	צאָהן-אַרצט	9—2

צאָהן-פּלאָמבירונג, בעלייכטונגען, קראָנען, פּאָמפּען א. א. וו.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען=אינסטיטוט
היילונג פון הויט קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען-שטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. אַ קורס פאַר שטאַמלער. אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.
וויזיט אין דער שטאָט.

ערצטליך-קאָסמעטיש. גאַבינעט

פּרל. מ. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5—7 אָווענד

Dr. med. A. MAZUR
אויערן, נאָז- און האַלז-קראַנקהייטען, שטימע- און שפּראַך-פעהלערן (שטאַמלען א.ז.וו.)
האָט זיך איבערצויגען פון נאַרוטאָוויטש 44
אויף ווסכאָדניאַ 65, טעל. 66-01
(איינגאַנג אויך דורך פּעטריקאָווער 46).
נעהמט אָן פון 11.30 ביז 12.30 און פון 3—5 נאָכמ.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר'ן טעקסט—15 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט—20 גר. אין דער זייט 7 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 . . . 60—
פאַר פּילימעטער-שורה: נאָכ'ן טעקסט—10 . . . 15—
גאַנץ רעקלאַמע 50 פּראָצ. טייערער. אייסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. אַ וואָרט

אַבאָנאָמענטס-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים; אויף דער פּראָווינץ — 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד מיט 30 פּראָצ. טייערער.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך
די אַדמיניסטראַציע איז אָפען ביי טאָג און ביינאַכט.

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami Ch. J. Bromberg i St. Wilner-Berg   Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 34.